STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05227

# FAR A FRAYER UN UMOPHENIGIKER SHPANYE!

Jose Diaz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

כאָזע דיאס

# פאר א פרײַער און אומאָפּהענגיקער שפּאניע!

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1937

# דער פירער פונ דער שפאנישער קאָמפארטיי

דער גענעראל-סעקרעטאר פונעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ דער קאָ-מוניסטישער פארטיי פונ שפאניע כאָזע דיאַס איז דער שלאכט-אָנפי-רער אונ דער באליבטער פירער פונעמ ארבעטער-קלאס פונ שפאניע. אָט דער באשיידענער מענטש, אינ דער פארגאנגענהייט אנ ארבעטער, א פארטיי-אקטיוויסט, וואָס האָט יאָרנלאנג אומשאָנעוודיק געארבעט אינ די ביטערע באדינגונגענ פונ אונטערערד, איז איצט געוואָרנ א פאָלקס-טרי-בונ אונ א פירער.

כאָזע דיאַס איז געבוירנ אינ 1894 אינ אנ ארבעטער-פאמיליע. זיינ פאָטער איז געווענ א בעקער, די מוטער — אנ ארבעטערינ אפ א טאבאק-פאבריק. פונ 12 יאָר אָנ האָט כאָזע דיאַס געארבעט אינ א בעקעריי, אינ יענע אומדערטרעגלעכע באדינגונגענ פונ קאטאָרגע-ארבעט, וועלכע עס שאפט פאר דער ארבעטער-יוגנט די קאפיטאליסטישע עקס-פלואטאציע.

זינט 1917 גיט זיכ כאָזע דיאַס אָפּ איינגאנצנ דער רעוואָלוציאָנע-רער טעטיקייט. ער איז נאָכ דעמאלט געווענ א יונגטלעכער, קימאט א קינד, אָבער זיינ הארצ איז שוינ געווענ פארהארטעוועט אינ פלאמ פונ קלאסנ-קאמפ, פונ קלאסנ-האס. שוינ פונ די ערשטע טריט האָט ער ארויסגעוויזנ די אייגנשאפטנ פונ אנ אָרגאניזאטאָר. ער האָט שטענדיק גע-קעמפט אינ די ערשטע רייענ פונ די פראָלעטארישע אָרגאניזאציעס פונ זיינ היימ-שטאָט סעוויליע.

אָרגאניזירנדיק הילפ פאר די רעוואָלוציאָנערנ, וואָס זיינענ ארייג-געפאלנ אינ די לאפעס פונ דער מיליטעריש-פאשיסטישער דיקטאטור, ווערט כאָזע דיאַס אינ 1925 אנ אקטיווער טוער פונ „מאָפּר". אינ דעמ

דאָרטיקן פֿעריִאָר באַקענט ער זיך נעענטער מיט דער קאָמוניסטישער לי-
טעראַטור, מיט דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דורכן
„מאָפּר" דערנעענטערט ער זיך מיט די קאָמוניסטן. אין 1927 טרעט ער
אַרײַן אין די רייען פֿון דער שפּאַנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דאָס איז געווען זייער אַ שווערער מאָמענט פֿאַר דער פּאַרטיי-
אָרגאַניזאַציע פֿון סעוויליע. דער גאַנצער קרייז-קאָמיטעט פֿון דער קאָמו-
ניסטישער פּאַרטיי אין אַנדאַלוזיע איז געווען אַרעסטירט. כאָזע דיאַס
האָט מען באַופֿטראַגט צונויפֿנעמען די צעשטויבענע קאָמוניסטישע קוי-
כעס, צוציִען נײַע מיטגלידער, בילדן אַ נײַעם קרייז-קאָמיטעט. ער האָט
גלענצנדיק אויסגעפֿילט די דאָזיקע אויפֿגאַבע. אויף דער נאָענטסטער קאָנפֿע-
רענץ איז דיאַס אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פֿון דער אַנדאַ-
לוזישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

כאָזע דיאַס פֿירט אָן מיט די גאַס-שלאַכטן אין סעוויליע אין
1932. דעם סוף גיט זיך אײַן צו דערשטיקן דעם אַלגעמײנעם שטרײַק
און אַרעסטירן דעם אָנפֿירער פֿונעם שטרײַק. כאָזע דיאַס ווערט פֿאַר-
מישפּט צו 18 יאָר טורמע. אָבער די אַרבעטער פֿאָדערן און דערשלאָגן
זיך זײַן באַפֿרײַונג. גראָשנווײַז זאַמלען זיי אויף אין פֿיר מעת די 5
טויזנט פּעזעט, וואָס מע דאַרף אַרײַנטראָגן פֿאַר אים. אַרעסטירט צום
צווייטן מאָל אין 1933 (בײַם די פּאַרלאַמענט-וואַלן), ווערט כאָזע דיאַס
גיך באַפֿרײַט: די מאַכט איז דאָס מאָל אויך געצוווּנגען נאָכצוגעבן דעם
דרוק פֿון די מאַסן.

אין 1932 דעמאַסקירט כאָזע דיאַס די פֿאַרעטערישע גרופּע רעני-
גאַטן בוליעבאָס, אַדאַמע, וועגאַ און טריליאַ און שטעלט זיך אין דער
שפּיץ פֿונעם קאַמף קעגן זיי פֿאַר דער ליניע פֿון דער פּאַרטיי און
פֿונעם קאָמינטערן. אין דעם דאָזיקן קאַמף וואַקסט ער, ווערט פֿאַרהאַר-
טעוועט און אין גיכן ווערט ער דער אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטיי. פֿון 1932
איז כאָזע דיאַס דער גענעראַל-סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון
דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון שפּאַניע.

די צײַטווײַליקע מאַפּאָלע פֿונעם שפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט אין אָק-
טיאַבער 1934, וואָס האָט געצוווּנגען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַוועקצו-
גיין אין אונטערערד, האָט ניט געבראָכן דעם גײַסט פֿון די שפּאַנישע
באָלשעוויקעס. ניט געקוקט אויף דער נאָכשפּירונג פֿון דער פּאָליציי, האָט
כאָזע דיאַס דאָך אײַנגעהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַ-

ציעס. ער האָט נאָכאַמאָל ארויסגעוויזנ גלענצנדיקע פייִקייטנ פונ א
פארטיי־אָנפירער אונ אָרגאניזאטאָר. ער האָט באוויזנ ניט נאָר צו בא־
העפטנ אונ אויפמונטערנ די מאסנ, נאָר אויכ דערקלערנ זיי די סיבעס
פונ דער מאפּאָלע, לערנענ זיכ אפ די געשעענישנ פונ 1934. אינגיכנ,
נאָכ דער באוואָפנטער ארויסטרעטונג אינ אסטוריע האָט ער אָנגעוויזנ,
אז עס איז דרינגענדיק נייטיק צו שאפנ אנ איינהייט־פראָנט פונ
קאמפ.

„מיר דארפנ ניט פארגעסנ, — האָט כאָזע דיאס געשריבנ, —
אז אינ אסטוריע האָבנ אונדזערע ברידער, אונדזערע העלדנ גע־
קעמפט מיט פאראייניקטע קויכעס אונ דעריבער האָבנ זיי געזיגט,
כאָטש אפילע אפ א קורצער צייט... קאָמוניסטנ, סאָציאליסטנ אונ
אנארכיסטנ האָבנ געקעמפט האנט־בא־האנט אינ אסטוריע, אונ אויב
מיר ווילנ זיגנ אינ גאנצנ לאנד, איז נייטיק צו פארווירקלעכנ דעמ
איינהייט־פראָנט, איז נייטיק, אז די איינהייטנ פונ אקציעס זאָל פאר־
נעמענ דעמ אויבנאָנ".

טאָג־איינ טאָג־אויס האָט כאָזע דיאס געפעסטיקט דעמ פראָלעטארישנ
איינהייטנ־פראָנט, וואָס איז געוואָרנ דער יעסאָד פונעמ מעכטיקנ אנטי־
פאשיסטישנ פאָלקס־פראָנט.

דער זיג פונעמ פאָלקס־פראָנט אינ שפאניע (פעווראל 1936) איז א
רעזולטאט פונ דער ריכטיקער אָנפירונג פונ דער פּאָליטביוראָ פונעמ
צענטראל־קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי פונ שפאניע בראָש
מיט כאָזע דיאס, וואָס איז אינ זיינ ארבעט געווענ טריי די באשלוסנ
פונעמ VII קאָנגרעס פונעמ קאָמינטערנ.

בא דער עפענונג פונעמ פארלאמענט אינ פעווראל 1936 איז כאָזע
דיאס ארויסגעטראָטנ מיט א גרויסער רעדע, ווו ער האָט דערקלערט
די פּאָזיציע פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ קאמפ פאר דער פאר־
פעסטיקונג פונ דער רעפובליק, פאר דער איינהייטונג אונ דער ווייטער־
דיקער באהעפטונג פונעמ פאָלקס־פראָנט.

כאָזע דיאס דעמאסקירט די מאכינאציעס פונ די פאשיסטנ, וואָס
זיינענ געבליבנ נאָכנ פאָלקס־זיג פונ 16 פעווראל צוגעטראָטנ צוצוגרייטנ
א בונט קעגנ דער רעפובליק. זיינ רעדע אינ פארלאמענט דעמ 16 יונ
1936 מאכט אנ איבעראשנדיקנ איינדרוק.

דער מיליטעריש=פאַשיסטישער בונט האָט באַוויזנ, ווי ווײַט כאָזע
דיאַס איז געווענ גערעכט אינ זײַנ אָפּשאַצונג פונ דער לאַגע.

אינ אונדזערע טעג, ווענ איבער שפּאַניע הענגענ שוואַרצע וואָלקנס,
ווענ דער סוינע איז, מיט דער אינטערווענציע פונ די פאַשיסטישע
מעלוכעס — דײַטשלאַנד אונ איטאַליע, דערגאַנגענ ביז די סאַמע ווענט
פונעמ רעוואָלוציאָנערנ מאַדריד, איז כאָזע דיאַס איינער פונ די הויפּט=
אָרגאַניזאַטאָרנ פונ דעמ העראָישנ קאַמפּ פונעמ פאָלק פאַר דער פרײַ=
הײַט אונ אומאָפּהענגיקײַט פונ שפּאַניע.

אויב דאָלאָרעס איבאַרורי (פּאַסיאָנאַריאַ) איז דאָס פלאַמיקע
האַרצ פונ דעמ שפּאַנישנ פאָלק, איז כאָזע דיאַס זײַנ געדאַנק, זײַנע
אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקײַטנ. ער פירט נאָכ זיכ די קאָמוניסטנ, ער
לערנט זיי די קונסטנ פונ אָרגאַניזירטנ, פּלאַנמעסיקנ קאַמפּ, דיסציפּלי=
נירטקײַט, אָנפירנ מיט די מאַסנ.

אינ זײַנ רעדע אפ א פאַרזאַמלונג פונ קאָמוניסטנ אינ מאַ=
דריד דעמ 21 אָקטיאַבער 1936 האָט כאָזע דיאַס געזאָגט:

„ווענ אונדזערע קריגער זאָגנ „מע דאַרפ נעמענ אָנ דעמ הויב=
פונקט“, מוז דאָס געטאָנ ווערנ, אונ אינ דער ערשטער ריי מוזנ דאָס
טאָנ די קאָמוניסטנ, ווײַל פונ דעמ מאָמענט, וואָס מיר זײַנענ געוואָרנ
קאָמוניסטנ, געהערט אונדזער לעבנ ניט אונדז, נאָר די אַרבעטער,
דעמ בירגערקריג, דער רעוואָלוציע. דעריבער דאַרפ מענ טאָנ דאָס,
וואָס די קאָמאַנדע הייסט, אפילע אויב מע מוז מאַקרעוו זײַנ דאָס
לעבנ. נאָר אַזוי פאַרדינט מענ דעמ נאָמענ קאָמוניסט...

מיר זײַנענ פאַרײניקט מיט אַלע מאַסנ אַרבעטנדיקע. די קאָמו=
ניסטנ דאַרפנ זײַנ א לעבעדיקער מוסטער פאַר אַלעמענ מיט זייער
אָפּערוויליקײַט, מיטנ זייער דיסציפּלינ, מיט זייער אָרגאַניזאַטאָרישנ
גײַסט אונ מיט זייער העלדנמוט. ווענ מע האַרגעט א קאָמוניסט אפנ
פראָנט, זאָל דער אָנדענק וועגנ אימ אַרויסרופנ אַנציקונג, זאָל ער
זײַנ א מוסטער, וואָס איז ווערט, מע זאָל אימ נאָכטאָנ“.

כאָזע דיאַס קאָנ רײדנ ניט נאָר מיט קאָמוניסטנ. א זונ פונעמ שפּאַ=
נישנ פאָלק, קאָנ ער רײדנ מיט די ברייטע פאָלקס=מאַסנ, ער ווייסט
זייער לעבנ, ווייסט זייערע געדאַנקענ אונ געפילנ.

אָט ווי עס באַשרײַבט דער קאָרעספּאָנדענט פונ „פּראַוודאַ“ מיכאַיל
קאָלצאָוו אַנ אַרויסטרעטונג פונ כאָזע דיאַס:

„כּאָזע דיִאַס רעדט, — די אויגן פֿון 7 טויזנט מאַן אונטערן קופּאָל פֿון „מאָנומענטאַל“ זײַנען צוגעשמידט צו זײַן קלײנער ציטעריקער פֿיגור. אַלע ווייסן, אַז כּאָזע האָט אַ קורצע צײַט צוריק פֿאַרלאָרן זײַן געליבטע טאָכטער — אַ קאָמוניסטקע, אַז ער אַלײן האָט זיך ערשט די טעג אויפֿגעהויבן פֿון בעט, קוים געקומען צו זיך פֿון אַ שווערער קראַנקײַט. אָבער איצט איז כּאָזע — דורכויס קראַפֿט, דורכויס קלאָרקײַט, דורכויס קאָנצענטרירטקײַט.

פֿליסיק און פֿעסט הייבט זיך די שפּאַנונג פֿון זײַן רעדע, — אַזאַ דרייסטע, אָפֿנהאַרציקע, רעגנדיקע און הייבנדיקע. דער זאַל לעבט איבער יעדן אָרט פֿון דער דאָזיקער רעדע — אָט עטעמט ער מיט באַמורנער שטילקײַט, אָט ברעכט ער אויס מיט פֿרייד. איך וואָלט שווערן, אַז צווישן די 7 טויזנט צוהערער דאָ, און דעם מיליאָן דאָרטן, בײַ די ראַדיאָ־רופֿערן, איז ניטאָ קײן אײנער, וואָס זאָל ניט אָנמעסטן די רעדע פֿון דעם שפּאַניער דעם באָלשעוויק צו זיך אַלײן, צו זײַן פּערזענלעכער אויפֿירונג.

ווי מעטאַל קלינגט דאָס קאָל פֿון דיִאַס, ווען ער רעדט וועגן דער טעלעגראַמע פֿון דעם גרויסן סטאַלין צו די שפּאַנישע קאָמוניסטן און צום גאַנצן פֿאָלק, וואָס פֿאַרטיידיקט זײַן פֿרײַהײַט. פֿונדערווײַטנס דערטראָגן זיך די רויִקע און אויסמונטערנדיקע ווערטער פֿון דעם פֿעלקער־פֿירער. זײַנע פּשוטע מאַקסימאַל פֿאַרענדיקטע און אָפֿענע ווערטער פֿון דעם קאַמף גיסן אַרײַן אין יעדן אַ נײַעם געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אַ נײַעם ווילן צו פֿאַרטיידיקונג, צו אָנגריף, צו צעגראָמירן דעם פֿײַנט...

אַ שטורמישע און גרויזאַמע אָוואַציע באַגלייטן כּאָזע דיִאַסן. די שפּאַנישע פּאַרטיי רעדט גוט מיטן פֿאָלק. זי רעדט און זי טוט, זי קעמפֿט פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר איר היימלאַנד און פֿרײַהײַט“.

און די דאָזיקע ווערטער איז געגעבן געוואָרן אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק סײַ פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון שפּאַניע גופֿא סײַ אויך פֿון איר אָנפֿירער כּאָזע דיִאַס.

כּאָזע דיִאַס איז דער בעסטער פֿרײַנט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אין דער דערפֿאַרונג פֿונעם העראָישן קאַמף פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק אין די יאָרן פֿון בירגערקריג לערנט כּאָזע דיִאַס די מאַסן קריגער פֿון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי צו אָרגאַניזירן דעם זיג איבער דעם פֿאַשיזם.

כאָזע דיִאַס אַרבעט אומערמידלעכ צו באַהעפטנ די קויכעס פונעמ פאָלקס-פראָנט, צו פאַרייניקנ דעמ אַרבעטער-קלאַס, צו דערנעענטערנ די קאָמוניסטנ מיט די סאָציאַליסטישע אונ אַנאַרכיסטישע אַרבעטער.

די שפּאַנישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרייַנגעשריבנ ניט ווייניק רומפולע בלעטלעכ אינ דער געשיכטע פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער רע-וואָלוציאָנערער באַוועגונג. אינ דעמ האָט ניט קיינ קליינעמ פאַרדינסט די אָנפירונג פונ דער פּאַרטיי אונ איר שלאַכט-פירער כאָזע דיִאַס.

Бриг. 4.

# פאַר דער אָרגאַניזירונג פונ דעמ ניצאָכנ!

פאָרטראָג פונ דעמ גענעראַל-סעקרעטאַר פונ צק פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונ שפּאַניע אפנ פאַרברייטערטנ פלענומ פונעמ צק דעמ 5 מאַרט 1937 י.

## דער פאָלקס-פראָנט אונ די פאַרייניקונג פונ די פעלקער פונ שפּאַניע אינעמ קאַמפ פאַרנ ניצאָכנ

כאַווייריִמ! מיר האָבנ צונויפגערופנ דעמ פאַרברייטערטנ פלענומ פונעמ צענטראַל-קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונ שפּאַניע, קעדיי צו באַהאַנדלענ אונדזער פריערדיקע פּאָליטיק, צו פאַרפינקטלעכנ די אויפגאַבנ, וואָס שטייענ פאַר אונדז, אונ אָנמערקנ די פּערספּעקטיוונ. אַנאַליזירנדיק די פּאָליטיק פונ אונדזער פאַרטיי, דאַרפנ מיר אינ דער זעלבער צייט א קוק טאָנ, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די פּאָליטיק פונ די אַנדערע פאַרטייענ אונ אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייענ אַרײַנ אינ דעמ פאָלקס-פראָנט, אָדער העלפנ אונדז אינ קאַמף קעגנ דעמ פאַשיזמ; מיר דאַרפנ דאָס טאָנ, קעדיי אָנצומערקנ די ווײַטערדיקע וועגנ פאַר דער פאַרפעסטיקונג פונ דער אײנהײט פונ אַלע אַנטיפאַשיסטנ.

מיר ווילנ, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי זאָל אָננעמענ א רײ באַשלוסנ, וועלכע עס זאָלנ דורכפירנ אינ לעבנ ניט נאָר די מיטגלידער פונ אונדזער פאַרטיי אַלײנ, נאָר אויך די פאָלקס-מאַסנ פונ שפּאַניע; מיר ווילנ, אַז אינ א געוויסער צייט אַרומ זאָלנ מיר קאָנענ זאָגנ: אונדזער פּאָליטיק איז ניט נאָר געווענ א ריכטיקע, זי איז אויך געווענ נאָענט אונ פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטסטע פאָלקס-מאַסנ, וואָס קעמפנ צוזאַמענ מיט אונדז פאַרנ ניצאָכנ. די דאָזיקע פּאָליטיק האָבנ זיי דורכגעפירט אינ לעבנ צוזאַמענ מיט אונדז.

הײַנט, אונטערפירנדיק א סאַכאַקל פונ דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט,

זאָגנ מיר: אונדזער פּאָליטישע ליניע איז געווענ א ריכטיקע, אָבער מיר מוזנ באַדויערנ, וואָס זי איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ לעבנ ניט שטענדיק אזוי גיכ, ווי די סיטואַציע האָט געפאָדערט. מיר באַשולדיקנ אינ דעמ ניט בלויז די, וואָס האָבנ זי ניט געוואָלט פאַרווירקלעכנ, נאָר אויכ זיכ אַליינ, ווײַל מיר האָבנ ניט באַוויזנ צו דערקלערנ אונדזער פּאָליטישע ליניע די ברייטע מאסנ מיט דער געהעריקער גיכקייט און דערמיט גופא זיכערנ איר דורכפירונג אינ לעבנ. פונ דעמ, צי מיר וועלנ קאָנענ מאָביליזירנ די ברייטסטע מאסנ אינ קאמפּ פאַר דורכפירנ אונדזער פּאָליטישע ליניע, הענגט אָפּ דער ניצחונ אינ דער בלוטיקער מילחמה.

רייִדנדיק וועגנ די אויפגאבנ פונ אונדזער פּאַרטיי, וועל איכ זיכ אָפּשטעלנ דעריקער אַפּ די פאָלגנדיקע פראגנ: 1) דער כאַראַקטער פונ אונדזער קאמפּ; 2) וואָס דאַרפ מענ טאָנ, כּדי צו געווינענ די מילחמה אַפּ די שלאַכט-פעלדער, אַפּנ פּראָדוקציר-פראָנט און אינ הינטערלאַנד; 3) די אויפגאבנ פונ אונדזער פּאַרטיי.

## די געשעענישנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ ביז אונדזער קאמפּ

איצט, ווענ עס ווערנ שטאַרקער די אַטאַקעס אַפּ אונדזער פּאַרטיי, האַלט איכ פאַר נייטיק צו דערמאָנענ, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווענ ניט בלויז דער איניציאַטאָר פונ שאַפנ דעמ פאָלקס-פראָנט, דעמ בלאָק פונ אַלע אַנטיפאַשיסטנ, וואָס האָט געבראַכט דאָס פאָלק צומ וואַל-זיג פונעמ 16 פעברואַל 1936, נאָר אַז זי איז אויכ געווענ די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט סיסטעמאַטיש און אײַנגעשפּאַרט געוואָרנט די מאסנ קעגנ די שעדלעכע איליוזיעס, וואָס ווערנ פאַרשפּרייט פונ די, וואָס האָבנ געמיינט, אַז דער זיג פונעמ 16 פעברואַל באַטײַט א פולשטענדיקער קראַכ פונעמ סוינע. אונדזער פּאַרטיי האָט נאָכ פאַראיאָרנ אינ מאַרט געזאָגט, אַז דער סוינע איז ניט אינגאַנצנ צעשמעטערט, אַז ער וועט פּרוּוונ איבערגיינ אינ אָנגריפ. אָט וואָס איז געזאָגט געוואָרנ אינ דער רעזאָלוציע פונעמ פּאַרטיי-פּלענומ פונעמ צק:

„דער ניצחונ פונעמ 16 פעברואַל, דער ניצחונ פונעמ אַרבעטס-פאָלק, האָט א היסטאָרישע באַדײַטונג: ער האָט געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ קלאַפּ דער קאָנטררעוואָלוציע".

אָבער דער צענטראַל-קאָמיטעט פונ אונדזער פּאַרטיי האָט טאַקע

אינ דער זעלבער רעזאָלוציע געוואָרנט, אז דער סוינע האָט נאָך גע־ליטנ א מאפּאָלע, אז ער קאָנ נאָך ווידער אופשטעלנ זײַנע רייענ.

„נאָך דער האָזיקער מאפּאָלע פונעם סוינע, — איז געזאָגט געוואָרנ אינ דער רעזאָלוציע פונעם פּלענום פונ צק, — איז פאראנ א נײַע אי־בערגרופּירונג פונ דעם סוינעס קויכעס. ער גייט אריבער צו נײַע מעטאָדנ אונ צו א נײַער טאקטיק, ער פּרוווט אָרגאניזירנ אנ אָפענעם פינאנציעלנ אונ פּאָליטישנ סאבאָטאַזש (דאָס אוועקגיינ פונעם פּארלאמענט, גאסנ־פּראָוואָקאציעס, דער אָפּפלוס פונ די קאפּיטאלנ קיינ אויסלאנד, דער ווידערשטאנד קעגנ דורכפירנ אינ לעבנ די רעגירונגס־דעקרעטנ אאוו.). ער פּראָוואָצירט א געוואלטזאמע איבערקערעניש, קעדיי ארויסצו־רײַסנ מיטנ וואָרצל די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגענ פונ די מאסנ אינ אײַנצושטעלנ א בלוטיקע פאשיסטישע דיקטאטור.

דאָס אלץ באווײַזט — שטייט ווײַטער געשריבנ אינ דער מארט־רע־זאָלוציע, — אז מיר זײַנענ איידעם פונ א שארפער פּאָלאריזירונג פונ די קויכעס פונ דער רעוואָלוציע אונ דער קאָנטררעוואָלוציע אונ מיר שטייענ ערעוו פארביטערטע אנטשיידנדיקע שלאכטנ".

דאָס האָבנ מיר געזאָגט אינ א כוידעש ארום נאָכנ וואל־זיג. אונד־זער פּארטיי האָט די גאנצע צײַט הארט, ביזנ יול־בונט אָנגעווייזנ דע־רופּ, אז די רעאקציאָנערע, די פאשיסטישע קויכעס וועלנ זיך ניט האלטנ פאר באזיגט, כאָטש די ברייטסטע מאסנ פונ שפּאניע האָבנ געשטימט פארנ פאָלקס־פראָנט; אז מע דארפ זיך גרייטנ צו פארטיידיקנ זיך קעגנ די אומפארמײַדלעכע אגרעסיווע מײַסימ מיצאד דער רעאקציע אונ דעם פאשיזם. מיר האָבנ אויך געוואָרנט, אז די טעמפּנ פונ פארווירקלעכנ די פאָלקס־פאָדערונגענ אנטשפּרעכנ ניט די אקטועלע באדערפענישנ פונ די מאסנ, ניט דער נייטיקייט צו שיצנ זיך די דעמאָקראטישע אָר־דענונג קעגנ די אטאקעס פונ דער רעאקציע.

## די דערפארונג פונ די יאָרנ 1933 אונ 1934

אונדזער פּארטיי האָט געווענדנ די אויפמערקזאמקייט פונ דער רע־גירונג אויפ די מײַסימ פונ דער רעאקציע, זי האָט גערופנ די מאסנ צו וואכזאמקייט. זי האָט דיסקאַנטירט די פּאָריקע דערפארונג. זי האָט גוט געדענקט, אז ניט האָבנדיק געלייזט די גרונט־אויפגאבע — די ליקווידא־

ציע פונ דער מאַטעריעלער אונ דער סאָציאַלער באַזע פונ דער רעאק-
ציע, האָט די רעפּובליק פונ 14 אַפּריל געגעבנ דער רעאקציע די מעג-
לעכקייט צו קומענ צו זיכ אונ געבנ אינ יאָר 1933 א מאַפּאָלע דעמ אַנ-
טיפאַשיסטישנ פּאַקט. געדענקענדיק וועגנ דער דאָזיקער דערפאַרונג אונ
די נאָכ מער טרויעריקע דערפאַרונג פונ דעמ יאָר 1934, האָט אונדזער
פּאַרטיי אָנגעווענדט די גרעסטע אָנשטרענגונגענ דערצו, אַז שטיצנדיק
זיכ אויפ בונד פונ די אַרבעטער אונ די אַנטיפאַשיסטנ, זאָל מענ קאָנענ
אומקערנ די עקאָנאָמישע דעראָבערונגענ, וואָס זײַנענ אָפּגענומענ געוואָרנ
בײַ די אַרבעטנדיקע, ווידער אויסקעמפנ די רעפּובליק אונ מאַכנ א סאָפ
צו דעמ טריומפ פונ דער רעאקציע.

מיט גאָר גרויסע אָנשטרענגונגענ האָט זיכ אונדז אײַנגעגעבנ צו אי-
בערגרופירנ די אַרבעטערשע אונ אַנטיפאַשיסטישע קויכעס אונ דעמ 16
פעוראַל 1936 ווידער אויסקעמפנ די רעפּובליק. אָבער, ווענ די רע-
פּובליק איז אויסגעקעמפט געוואָרנ צוריק, האָט מענ באַדאַרפט נעמענ
אינ אַכט די דערפאַרונג פונ דער פאַרגאַנגענהײט אונ דאָס מאָל שוינ
פאַרניכטנ די מאַטעריעלע באַזע פונ דער רעאקציע.

צומ באַדויערנ, איז דאָס ניט געטאָנ געוואָרנ אויכ דעמ 16 פעוו-
ראַל, ווײַל אונדזער פּאַרטיי, די אײנציקע פּאַרטיי, וואָס האָט פאָרגעלייגט
ראַדיקאַלע מאָסמיטלענ קעגנ דער רעאקציע, איז געווענ ניט גענוג
שטאַרק צו צווינגענ דורכפירנ זיי.

אָט דעריבער זאָג איכ, אַז עס איז ניט גענוג צו קאָנסטאַטירנ אויפנ
איצטיקנ פּלענום פונ צק, אַז מיר זײַנענ געווענ גערעכט זעקס יאָר, פינפ
יאָר, דרײַ יאָר, א יאָר צוריק, אַז מיר זײַנענ הײַנט אויכ גערעכט. די
לאַגע אינ שפּאַניע איז אַזא, אַז אינ מעשעכ פונ עטלעכע — אונ גאָר ווינ-
ציקע — כאָדאָשימ וועט געלייזט ווערנ דער גורל פונ אונדזער לאַנד.
מע מוז גיכ אָניאָגנ, וואָס עס איז פאַרזעמט געוואָרנ. מיר ווילנ, אַז די
אויפגאַבנ, וואָס דער פּלענום פונעמ צענטראַל-קאָמיטעט וועט אָנמערקנ,
זאָלנ אַלע אַנטיפאַשיסטישע מאַסנ פונ שפּאַניע זיכ אָנייגענענ אונ פאַר-
ווירקלעכנ אינ דער פּראַקטיק. מיר ווילנ, אַז זיי אַלע זאָלנ גייענ גע-
שלאָסנ מיט דעמ אײנציקנ וועג, וואָס קאָנ פירנ צומ ניצאָכנ (ד ו י ע ר נ-
ד י ק ע א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

נאָכנ ניצאָכנ פונעמ 16 פעווראַל, זעענדיק, אַז עס ווערט ניט גע-
פירט קיינ אַנטשיידענער קאַמפ קעגנ דער רעאקציע אונ דעמ פאַשיזמ,

זעענדיק ווי דער פֿאַשיזם און די רעאַקציע גרייפֿן ווידער איבער זייערע כּוחות און שטעלן אין געפֿאַר די העראָבערונגען פֿון דער רעפּובּליק, וועלנדיק אָרגאַניזירן אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד דעם פֿאַשיזם, וואָס האָט זיך געגרייט אויסצוראָטן, האָבן מיר, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָנגעהויבן שאַפֿן, לויט אונדזערע כּוחות און מעגלעכקייטן, אַ פֿאָלקס=מיליציע. מיר האָבן געוואָלט אַז אַזאַ אופֿן באַקומען די אומאַנטשלאָסנקייט פֿון דער רעגירונג. מיר האָבן דאָס געטאָן, ניט געקוקט אַף די איראָנישע שמייכלען פֿון איינע און אַף דער אומבאַוווסטזיניקייט פֿון אַנדערע, וואָס האָבן אָנגערופֿן „מאַכנאָוואַר" אונדזערע אָנשטרענגונגען צו שאַפֿן אַ דיסציפּלינירטע מיליציע.

ווען דעמאָלט וואָלט געשאַפֿן געוואָרן, ווי מיר האָבן פֿאָרגעלייגט, אַ מיליציע ניט קיין פּאַרטיייִשע, נאָר אַ פֿאָלקס=מיליציע, אין וועלכער עס וואָלטן גענומען אָנטייל אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿונעם פֿאָלקס=פֿראָנט, וואָלטן מיר ביים דעם בונט געהאַט אַן עמבריאָן פֿון אַ פֿאָלקס=אַרמיי, און די דאָזיקע אַרמיי וואָלט אונדז גיך געזיכערט אַ ניצחון איבערן פֿיינט. דערצו נאָך וואָלט די רעגירונג, וואָס האָט ניט פֿאַרשטאַנען די גאַנצע ערנסטקייט פֿון דער לאַגע, אונטערן דרוק פֿון די אָרגאַנירטע מאַסן געווען געצוווּנגען צו באַוואָפֿענען די מיליציע און דעמאָלט וואָלט עפּשער דער סוינע ניט אַנטשלאָסן זיך אויסצוהייבן אַ בונט, ווייל ער וואָלט מורא געהאַט צו כאַפּן אַ מפּלה.

## דער בונט פֿון 18 יול

מיר האָבן ניט באַוויזן צו דערקלערן די מאַסן די ריכטיקייט פֿון אונדזערע פּאָזיציעס. דעם 18 יול איז פֿאָרגעקומען דער בונט. אונדזער פּאַרטיי האָט פֿאָרויסגעזען די מעגלעכקייט פֿון אַ בונט. זי האָט וועגן דעם געוואָרנט אינעם פּאַרלאַמענט און אַף מיטינגען אַלע פּאַרטייען, אַלע אַנטיפֿאַשיסטישע כּוחות. מיר האָבן דעמאָלט ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך, אַז די ברייטסטע מאַסן זאָלן פֿאַרשטיין אונדזער פּאָליטישע ליניע; איצט מוזן מיר דאָס דערגרייכן, אויב ניט וועט דער רעזולטאַט זיין אַ פֿאַטאַלער. אויב דאָס ניט פֿאַרשטיין אונדזערע פּאָזיציעס מיצאַד אַלע אַנטיפֿאַשיסטן האָט דערלויבט דער רעאַקציע קומען צו זיך און אויפֿהייבן דעם 18 יול אַ בונט, וואָלט איצט דער דאָזיקער אומ=

שטאנד געקאנט ברענגען אונדז צו א מאפאלע, כאטש עס זיינען פאראן אלע באדינגונגען צו געווינען די מילכאמע.

קעגן וואס און קעגן וועמען איז געווען געווענדט דער בונט פון 18 יולי?

ווען מיר רעדן וועגן דעם כאראקטער פונעם איצטיקן קאמף, מוזן מיר פריער פאר אלץ קלאר מאכן, קעגן וועמען און קעגן וואס האבן די פאשיסטן דעם 18 יולי אנגעהויבן א בונט. די פאשיסטן זיינען אויפגעשטאנען קעגן דעם גאנצן שפאנישן פאלק, קעגן זיין ווילן, וואס איז קלאר אויסגעדריקט געווארן אין די וואלן פון 16 פעווראל. ווענדיק בארעכטיקן זייער פארברעכן, האבן די בונטאווטשיקעס געפרווט באהויפטן, אז זיי האבן קלוימערשט אנגעהויבן א „פרעווענטיווע רעוואליוציע", קעדיי ניט דערלאזן איינצושטעלן קאמוניזם אין שפאניע. אבער די פראגראם פונעם פאלקס-פראנט, וואס אף איר יעסאד איז געפירט געווארן דער וואל-קאמף, וועלכער האט געבראכט צום זיג פון 16 פעווראל, איז דאך ווייט ניט קיין קאמוניסטישע. דער ציל פונעם וואל-קאמף איז געווען צו שיצן די דעמאקראטישע רעפובליק, צו שיצן אירע אנשטאלטן און צו שאפן באדינגונגען צו באפרידיקן די אקטועלע פאדערונגען פונעם שפאנישן פאלק.

## דער כאראקטער פון אונדזער קאמף

דעם כאראקטער פון אונדזער קאמף באשטימט דער פאקט, וואס מיר אלע — רעפובליקאנער, אנארכיסטן, קאמוניסטן און סאציאליסטן — ווילן פארניכטן די האלב-פעאדאלע רעשטן, איבער וועלכע די ארבעטנדיקע באפעלקערונג האט זיך געקוועלט אין עלנט, הונגער און אומוויסנהייט, דערמיט ווען איינציקע פריווילעגירטע קאסטעס האבן געלעבט אין לוקסוס און שעפע. מיר האבן פארגעלייגט און לייגן פאר ליקווידירן די פעאדאלע רעשטן שאפן אין אונדזער לאנד באדינגונגען פאר דער אנטוויקלונג פון פראגרעס און קולטור. און אויב אונדזער באהויפטונג, די באהויפטונג פון די קאמוניסטן, איז ניט גענוג, קאנען מיר זיך פארופן אף דער גערעכטיקער דערקלערונג פונעם פרעזידענט פון דער רעפובליק ה' אסאניא, מיט וועלכער מיר זיינען פולקום איינשטימיק. רייהנדיק וועגן דעם כאראקטער פון אונדזער קאמף,

האָט ה' אַבאַדיאַ געזאָגט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין וואַלענסיע דעם 21 יאַנואַר 1937:

„איך האָב געהערט, אַז די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון באַשטימטע קרייזן באַהויפּטן,—עמעס, מיין מאָראַלישע ציכטיקייט צווינגט מיך פאַרבייגיין פאַרביי אַזוינע באַהויפּטונגען,—אַז מיר קעמפן קלוימערשט פאַר קאָמוניזם. די דאָזיקע באַהויפּטונגען וואָלטן געווען אַן אומגעהייערע נאַרישקייט, ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין געמיינהייט. ווען מיר זאָלן זיך שלאָגן פאַר קאָמוניזם, וואָלטן זיך געשלאָגן נאָר די קאָמוניסטן. ווען מיר זאָלן זיך שלאָגן פאַר סינדיקאַליזם, וואָלטן געקעמפט נאָר די סינדיקאַליסטן, ווען מיר זאָלן קעמפן פאַר לינק-רעפּובליקאַנישע אידייען, פאַר די אידייען פון די צענטריסטן אָדער פון די רעכטע, וואָלטן געקעמפט נאָר די רעפּובליקאַנער. אָבער מיר קעמפן אַלע — אַרבעטער, אינטעליגענטן, פּראָפעסאָרן, בורזשואַ (ווייל די בורזשואַזיע קעמפט אויך), די פּראָווינצן און די פּאָליטישע פּאַרטייען. עס קעמפן אַלע שפּאַניער, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אַרום דער פאָן פון דער רעפּובליק. מיר קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון שפּאַניע, פאַר דער פרייהייט פון די שפּאַניער און אונזער פאָטערלאַנד“.

איך זאָג נאָכאַמאָל: מיר, קאָמוניסטן, זיינען פולקום איינשטימיק מיט דער דאָזיקער דערקלערונג. מיר קעמפן פאַר אַ רעפּובליק, און פאַר אַ רעפּובליק דאַרפן קעמפן אַלע ערלעכע שפּאַניער.

איך דערמאָן, מע זאָל מיך בעסער פאַרשטיין, עס זאָל ניט בלייבן קיין שום מיספאַרשטייעניש, אַז אונדזער פּאַרטיי האָט אויף יעדן עטאַפּ פונעם קאַמף אַרויסגערוקט די לאָזונגען, וואָס זיינען אויסגערעכנט צו באַהעפטן די קויכעס פון אַלע אַנטיפאַשיסטן.

אין אַ כוידעש אַרום נאָכן אָנהייב פונעם בונט האָט אונדזער פּאַרטיי אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון פאַרברייטערן דעם פאָלקס-פראָנט, פאַראייניקן דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק, ווייל דער בירגערקריג, דער געראַנגל צווישן דער דעמאָקראַטיע און דעם פאַשיזם, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מילכאָמע פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, אין אַ מילכאָמע פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

# דער מאַניפעסט פון צק פון דער קאָמפאַרטיי פון שפאַניע דעם 18 אווגוסט

אינעם מאַניפעסט, וועלכן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פאַרטיי האָט פאַרעפנטלעכט דעם 18 אווגוסט, שטייט געשריבן:

„אין ערשטן מאָמענט איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן דער דעמאָקראַטיע און דעם פאַשיזם, צווישן רעאַקציע און פראָגרעס, צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט, אָבער איצט איז דער קאַמף אַריבערגעוואַקסן די דאָזיקע ראַמען, ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייליקער מלחמה, אין אַ נאַציאָנאַלער מלחמה, אין אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה פונעם פאָלק, וואָס מע האָט אים טרייבעריש פאַראַטן, וואָס האַלט זיך באַליידיקט אין זיינע סאַמע הייליקע געפילן, וואָס זעט, אַז זיין היימלאַנד, זיין פאַמיליע־היים, די ערד, וווּ עס רוט דאָס אַש פון זיינע אָבות, שטייט אין געפאַר צו זיין פאַרשוועכט, רויניִרט, פאַרקויפט די אויסלענדער. דאָס פאָלק פילט די געפאַר פאַר זיין נאַציאָנאַלער אומאָפהענגיקייט, און, ווי אין די רומפולע טעג פון די פאַריקע שלאַכטן, פאַרטיידיקט עס די אומאָפהענגיקייט פון זיין לאַנד. די גאַנצע פילנדיקע, די גאַנצע דענקענדיקע, די גאַנצע אַרבעטנדיקע שפאַניע, שפאַניע פון דער וויסנשאַפט, פון קולטור, קונסט, אַרבעט; אַלע פרויען, קינדער, אַלטע לייט, יונגעלייט, מאַנצבילען, — אַלע זיינען דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג, מיט איין דראַנג: זיי פראָטעסטירן פלאַמיק קעגן דער פאַרקומענדיקער מלחמה, זיי דריקן צונויף די פויסטן און העלדיש, מיט געווער אין האַנט זיינען זיי גרייט אַרויסצוטרעטן צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, זיי וועלן טייער פאַרקויפן זייער לעבן; די ערד, וווּ זיי זיינען געבאָרן, וועלן זיי ניט אָפגעבן ניט די באַרעטער פונעם פאָטערלאַנד, ניט די אויסלענדישע מערדער“.

אָט וואָס מיר האָבן געזאָגט אין אונדזער אויפרוף צום גאַנצן שפאַנישן פאָלק אין אַ כוידעש אַרום נאָך אָנהייב פונעם בונט. איך האַלט פאַר צוועקמעסיק צו דערמאָנען איצט די דאָזיקע ווערטער, ווייל איך וויל, אַז אַלע זאָלן זיך פאָרשטעלן דייטלעך די אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָליטישער ליניע.

# דער כאַראַקטער פון דער איצטיקער מילכאָמע

די מילכאָמע האָט באַקומען א נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. מע קאָן זי געווינען נאָר פאַראייניקנדיק דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק, פאַרפעסטיקנדיק דעם ברודער-בונד מיט די פעלקער פון קאַטאַלאָניע און ביסקאַיע. דער, וואָס מיינט, אַז וועלכע-עס-איז איין פאַרטיי, וועלכע עס איז איינ פראַפאַריינישע אָרגאַניזאַציע, ווי שטאַרק און גרויס זי זאָל ניט זיין, וועט קאָנען אַליין געפינען אַן אויסוועג פון דער געשאַפענער לאַגע, אָפּהאַלטן א ניצאָכן אין אַזא מילכאָמע ווי אונדזערע, דער שטעלט זיך קעגן אונדזערע אַלגעמיינע אינטערעסן, ווייל ער מאַכט צונישט אָדער ער רייסט אַראָפּ דעם בונד פון אַלע קויכעס, וואָס זיינען פייִק און גרייט צו קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון שפּאַניע. מער ווי ווען-עס-איז איז איצט נייטיק איינהייט, און אויב עמעצער זאָגט, אַז די רעפּובליקאַנער זיינען אָפּגעשטאַנען, אַז זיי האַלטן שוין ניט נאָך די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, אַז די סאָציאַליסטן אָדער די אַנאַרכיסטן וועלן גיין ווייטער פון די קאָמוניסטן, אַז וועלכע-עס-איז פאַרטיי אָדער פראַפאַריינישע אָרגאַניזאַציע וויל אָנייגענען בלויז פאַר זיך דאָס רעכט צו שאַפן זיך מיטן גורל פון אונדזער לאַנד, דאַרף מען דערקלערן די פעלקערהאַפטיקייט פון אַזעלכע האַנדלונגען, דערווייזן די נייטיקייט צו באַהעפטן מאַקסימאַל אַלע אַנטיפאַשיסטישע קויכעס. די לאַגע, וואָס די מילכאָמע האָט געשאַפן, איז אַזא, אַז ווי קליין עס זאָל ניט זיין וועלכע-עס-איז אַנטיפאַשיסטישע קראַפט, אָבער אויב זי וויל ערלעך אַרבעטן, דאַרף זי ווערן א טייל פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, ווייל בלויז פאַראייניקנדיק אַבסאָליוט אַלע קויכעס, אַלע אָנשטרענגונגען, וועלן מיר קאָנען געווינען די מילכאָמע. טאַקע דעריבער טאָר מען ניט טראַכטן וועגן א רעגירונג פון א פראַפאַריינישן טיפּ, וועגן א רעגירונג פון וועלכער-עס-איז איין פאַרטיי אָדער וועגן א רעגירונג פון וועלכן-עס-איז אַנדערן טיפּ, איידער די רעגירונג פונעם פאָלקס-פראָנט.

זאָלן דאָס הערן די, וואָס דאַרפן עס הערן: היינט צו טאָג איז אין שפּאַניע אוממעגלעך אַן אַנדער רעגירונג אויסער דער רעגירונג, אין וועלכער עס זיינען פאַרטרעטן אַלע קויכעס, וואָס קעמפן אַפן פראָנט און אין הינטערלאַנד פאַר ניצאָכן (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן).

# די אינטערנאציאָנאלע באדײַטונג פונ אונדזער קאמפ

אונדזער קאמפ, וואָס איז טיפ נאציאָנאל לויט זײַנ אינהאלט, האָט אויכ א בולעט אויסגעדריקטנ אינטערנאציאָנאלנ כאראקטער. דאָס האָט העכסט דײַטלעכ באוויזנ דער גרויסער סטאלינ אינ זײַנ היסטאָרישער טעלעגראמע צו דעמ צענטראל-קאָמיטעט פונ אונדזער פארטיי. כאווער סטאלינ זאָגט:

„די ארבעטנדיקע פונעמ ראטנפארבאנד פילנ נאָר אויס זייער כויוו, ווענ זיי גיבנ די מעגלעכע הילפ די רעוואָלוציאָנערע מאסנ פונ שפּא-ניע. זיי גיבנ זיכ אָפּ א רעכענונג, אז די באפרײַונג פונ שפּאניע פונעמ דרוק פונ די פאשיסטישע רעאקציאָנערנ איז ניט קיינ פריוואטע זאכ פונ די שפּאניער, נאָר די אלגעמיינע זאכ פונ דער גאנצער פאָרגעשריטענער אונ פּראָגרעסיווער מענטשהייט“.[1]

קאָמענטירנדיק די דעפיניציע פונעמ אינטערנאציאָנאלנ כאראקטער פונ אונדזער קאמפ, וואָס כאווער סטאלינ האָט געגעבנ, דערקלערט כ' דימיטראָוו:

„מע טאָר ניט פארגעסנ, אז צו פארגיכערנ אונ פארגרינגערנ דעמ ניצאָכנ פונ דעמ שפּאנישנ פאלק, וואָס פארטיידיקט מיט זײַנ בלוט ניט בלויז זײַנ פרײַהייט אונ אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויכ די דעמאָקראטישע פרײַהייטנ פונ אנדערע פעלקער, אונ אויכ דעמ שאָלעמ, איז נייטיק א נאָכ גרעסערע אָנשטרענגונג פונ די סאָלידארישע ארויסטרעטונגענ פו-נעמ אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט אונ פונ אלע דעמאָקראטישע קויכעס“.[2]

אינ די דאָזיקע ווײַציקע ווערטער איז אויסגעצייכנט דערקלערט דער אינטערנאציאָנאלער כאראקטער אונ די באדײַטונג פונ אונדזער קאמפ.

ס'איז אויסער צווייפל, אז דער ניצאָכנ איבערנ פאשיזמ אינ שפּא-ניע וועט זײַנ א קאָלאָסאלער שטויס פאר דער אנטוויקלונג פונ דער דע-מאָקראטיע ניט בלויז אינ שפּאניע, נאָר אויכ אינ פראנקרײַכ, ענגלאנד אונ אינ אנדערע לענדער. אונדזער ניצאָכנ וועט האָבנ א קאָלאָסאלע ווירקונג אויפ דער פּאָליטישער לאגע פונ דײַטשלאנד, איטאליע אונ אלע אנדערע לענדער, וואָס געפינענ זיכ איצט אונטערנ דרוק פונ דעמ פאשיזמ,

1 „פּראווּדא“ פונ 16 אָקטיאבער 1936.

2 ד י מ י ט ר אָ ו. אפנ שוועל פונ 1937 יאָר. „פּראווּדא“ פונ 1 יאנואר 1937.

ער וועט זײַן ווײַט פֿון דעם וועג צו באַפֿרײַען זיך פֿון דער פֿאַשיסטישער טיראַניע. פֿאַרקערט, ווען מיר זאָלן פֿאַרשפּילן די מילכאָמע, וואָלט דאָס געווען אַ שווערער קלאַפּ ניט בלויז פֿאַר דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך פֿאַר דער דעמאָקראַטיע פֿון גאָר דער וועלט: די מאַפּאָלע וואָלט באַטײַט אַ פֿאַרפֿעסטיקונג — זאָל זײַן אַ צײַטווײַליקע — פֿונעם אַלוועלטלעכן פֿאַשיזם, אַ נײַע כוואַליע פֿון טעראָר און באַרבאַרײַ אין גאָר דער וועלט, אַלע פֿעלקער וואָלטן אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין טהאָם פֿון דער מילכאָמע.

די קאָלאָסאַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַדײַטונג פֿון אונדזער ני- צאָכן ליגט אַף אונדז אַרויף אַ כויוו אָנצושטרענגען אַלע קויכעס צו געווינען די מילכאָמע, און מיר ווילן גיך שאַפֿן אַלע באַדינגונגען, וואָס זײַנען דערצו נייטיק.

## מיר קעמפֿן פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק

מיר קעמפֿן פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פֿאַר אַ דעמאָ- קראַטישער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק פֿון אַ נײַעם טיפּ. דער קאַמף אין שפּאַניע איז ניט געצילט צו אײַנשטעלן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אַפֿן שטייגער פֿון דער פֿראַנצויזישער רע- פּובליק אָדער אַפֿן שטייגער פֿון די רעפּובליקן פֿון אַנדערע קאַפּיטאַ- ליסטישע לענדער. ניין, די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, פֿאַר וועלכער מיר קעמפֿן, איז אַן אַנדער רעפּובליק. מיר קעמפֿן פֿאַרן פֿאַרניכטן די מאַ- טעריעלע באַזע, אַף וועלכער עס האָט זיך באַזירט די רעאַקציע און דער פֿאַשיזם, ווײַל אָן דער פֿאַרניכטונג פֿון דער דאָזיקער באַזע איז אוממעגלעך אַן עכטע פּאָליטישע דעמאָקראַטיע.

אין אונדזער קאַמף שטרעבן מיר צו פֿאַרניכטן די מאַטע- ריעלע באַזע פֿון דער האַלבפֿעאָדאַלער שפּאַניע, קעדיי אַרויסצורײַסן ענדגילטיק די וואָרצלען פֿונעם פֿאַשיזם.

מיר דאַרפֿן ליקווידירן דעם קלאַס גרויסע פּריצים, וואָס האָבן אַלע דורכויס גענומען אַן אָנטייל אין דעם מיליטעריש-פֿאַשיסטישן בונט, מיר דאַרפֿן נאַציאָנאַליזירן זייער ערד און איבערגעבן זי די לאַנדווירט- שאַפֿטלעכע אַרבעטער און פּויערים צו באַאַרבעטן זי לויט זייער פֿאַר- לאַנג, — אינדיווידועל אָדער קאָלעקטיוו.

מע מוז פארניכטנ די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע מאכט פונ דער קירכ, וואָס איז געווענ א צענטער פונ דער פאשיסטישער פארשווערונג און די שטארקסטע ציטאדעל פונ דער האלב-פעאָדאלער שפּאניע, און צוליב דעם מוז מענ קאָנפיסקירנ, נאציאָנאליזירנ דאָס פארמעגנ פונ דער קירכ. דער קאמפ קעגנ דער האלב-פעאָדאלער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ראָליע פונ דער קירכ באטייט קלאָר ניט קיינ קאמפ קעגנ רעליגיע, — פארקערט, נאָר די רעפּובליקאנישע און די דעמאָקראטישע שפּאניע, די פרייע און די פּראָגרעסיווע שפּאניע, וועט זיכערנ די פרייהייט דער רעליגיע.

מיר מוזנ זיכ אויכ נעמענ ליקווידירנ די רעשטנ פונ דעם קאסטעס-גייסט אינ דער אלטער ארמיי, וואָס איז געשטאנענ אינ דינסט בא דער האלב-פעאָדאלער שפּאניע און איז געווענ א ווערקצייג צו דערשטיקנ די פּראָגרעסיווע שטרעבונגענ.

מיר דארפנ מאכנ א סאָפ צו דער פינאנציעלער אָליגארכיע, צו די באנקירנ און די פאבריקאנטנ, ווייל זיי זיינענ ענג פארבונדנ מיט די פּריצים און מיט דער קירכ, וואָס האָבנ טאָרמאזירט די אנטוויקלונג פונ דער פאָלקווירטשאפט. מע דארפ אריבערגיינ צו נאציאָנאליזירנ דעם שפּאנישנ באנק און די גרונט-צווייגנ פונ דער אינדוסטריע פונעמ לאנד. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל צו באפרידיקנ די באדערפענישנ פונעמ פראָנט און פונעמ הינטערלאנד.

אויסער די דאָזיקע גרונט-פונקטנ, וואָס זייער ליזונג וועט ברענגענ צו דער פארשווינדונג פונ די האלב-פעאָדאלע קאסטעס, וואָס האָבנ געהערשט אינ שפּאניע, און צום איבערבויענ די מאטעריעלע און די סאָציאלע באזע פונ אונדזער נייער דעמאָקראטישער פּארלאמענטארישער רעפּובליק, דארפ מענ איינפירנ דאָס ווירקלעכע אלגעמיינע וואל-רעכט, פארווירקלעכנ דעם אנטייל פונעמ גאנצנ פאָלק אינעמ פּאָליטישנ און עקאָנאָמישנ לעבנ פונעמ לאנד.

אָט אזא איז די דעמאָקראטישע און פּארלאמענטארישע רעפּובליק פונ א נייעמ טיפּ, פאר וועלכער אונדזער פּארטיי קעמפט, און צוזאמענ מיט אונדזער פּארטיי דאָס גאנצע שפּאנישע פאָלק.

אינ אלע פּראָווינצנ, וואָס געפינענ זיכ אונטער דער מאכט פונ דער רעגירונג איז מער ניטאָ קיינ פּריצים, מער ניטאָ קיינ קירכ אלס א הערשנדיקע קראפט, ניטאָ קיינ גרויסע באנקירנ און גרויסע אינדוס-

טריִעלער. די בעסטע גאַראַנטיע פֿון דעם, אַז מיר וועלן אײַנהיטן אונדזערע דעראָבערונגען, איז דאָס, וואָס דאָס געווער געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דעם פֿאָלק, אין די הענט פֿון די אַנטיפֿאַשיסטן, אין די הענט פֿון די אַרבעטער, פֿון די פּויערים, פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון דעם קליינבירגערטום. אין דעם שטעקט די גרעסטע גאַראַנטיע דערפֿון, אַז צו דער פֿאַרגאַנגענהייט איז ניטאָ קיין צוריקער. און טאַקע ווײַל אונדזערע דעראָבערונגען זײַנען גאַראַנטירט, טאָר מען ניט פֿאַרלירן דעם קאָפּ און אַריבערשפּרינגען אַריבער דער ווירקלעכקייט, פּרווּנדיק אײַנפֿלאַנצן „דעם ליבערטאַרן קאָמוניזם“ (דעם אַנאַרכיסטישן) אָדער פֿאַרנעמען זיך מיט „סאָציאַליזאַציע“ אַף די פֿאַבריקן און אין דאָרף. דער אַנטוויקלונגס=עטאַפּ פֿון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, וואָס מיר מאַכן איצט דורך, פֿאָדערט דעם אָנטייל פֿון אַלע אַנטיפֿאַשיסטישע קרעפֿטן אין דעם קאַמף, און אַזעלכע עקספּערימענטן קאָנען זיי נאָר אָפּשטויסן.

## די באַציִונג פֿון אַנדערע פּאַרטייען צו דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק

ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג צו פֿאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, האָט אַ היפּשער טייל פֿון אונדזערע באַוויירים סאָציאַליסטן פֿאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז די דעמאָקראַטישע רעפּובליק האָט אָפּגעלעבט אירע יאָרן, אַז מע האַרף אײַנשטעלן אַ סאָציאַליסטישע רעפּובליק. דאָס וואָלט באַטײַט אָפּרײַסן די דעמאָקראַטישע קליינבירגערלעכע קרײַזן פֿון דעם אַרבעטער=קלאַס.

די אַנאַרכיסטן ווידער האָבן פֿאַרטיידיקט די נייטיקייט אײַנצופֿירן דעם „ליבערטאַרן קאָמוניזם“, און פֿון דעם לאָזונג פֿון אַ „זעלבשטענדיקער“ נאַציאָנאַלער אַרבעטס=קאָאָפּעראַציע דורך דעם לאָזונג פֿון אַ „רעוואָלוציאָנערן בונד פֿון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטער=פֿאַרבאַנד און דער נאַציאָנאַלער אַרבעטן=קאָנפֿעדעראַציע“ זײַנען זיי געקומען צו דעם לאָזונג פֿון אַ „רעגירונג פֿון אַ פּראָפֿאַרייִשן טיפּ“, קעדיי צו פֿאַרווירקלעכן טייקעף די „סאָציאַלע רעוואָלוציע“.

און אַ טייל רעפּובליקאַנער, אָנערקענענדיק די אומעגלעכקייט אומצו=

קערנ זיכ צו דער רעפובליק פונ 14 אפּריל (1931) האָט זיכ געשטעלט קעגנ דער פּראָגראַמ פונ סאָציאַלע רעפאָרמענ, וואָס דאַרפנ פאַרוואַנדלענ שפּאַניע אינ א דעמאָקראַטישער רעפובליק פונ א נייעמ טיפּ.

אויב אינ די ערשטע טעג פונעמ בונט האָט מענ די פּריצעטיקע פּרוּווּנג פונ „סאָציאַליזאַציע" אונ „קאָלעקטיוויזאַציע", וואָס זיינענ געקומענ אלס רעזולטאַט פונ ניט פאַרשטיינ דעמ כאַראַקטער פונ היינטיקנ קאַמפּ, נאָכ געקאָנט באַרעכטיקנ דערמיט, וואָס די גרויסע אינדוסטריעלער אונ פּריצימ האָבנ פאַרלאָזנ זייערע אונטערנעמונגענ אונ מע מוז אומ יעדנ פּרייז פירנ ווייטער די פּראָדוקציע, איז איצט קאָנ מענ דאָס מיט קיינ זאַכ ניט באַרעכטיקנ. איצט, ווענ ס'איז פאַראנ די רעגירונג פונעמ פאָלקס־פראָנט, וו עס זיינענ פאָרגעשטעלט אַלע קרעפטנ, וואָס קעמפנ קעגנ דעמ פאַשיזמ, איז אזא עקספּערימענט ניט נאָר ניט געווונטשנ, ער איז מאַמעש טאַקע ניט דערלאָזבאַר.

פאַרנ איצט דורכפירנ זיי, הייסט גיינ קעגנ די אינטערעסנ, וואָס די פּרעטענדירנ צו פאַרטיידיקנ. פאַרנעמענ זיכ מיט „סאָציאַליזאַציע" אונ „קאָלעקטיוויזאַציע", ווענ ס'איז נאָכ ניט באַשלאָסנ דער גורל פונ דער מילכאָמע, ווענ דער אינערלעכער סוינע אַטאַקירט אונדז העפטיק באַ דער שטיצע פונעמ אויסלענדישנ פאַשיזמ, ווענ אפ דער קאָרט איז געשטעלט די עקזיסטענצ פונ שפּאַניע, הייסט טאָנ אַנ אומזיניקע זאַכ, הייסט פאַרוואַנדלט ווערנ אינ דעמ סוינעס א מיטהעלפער. אזוינע עקספּערימענטנ זאָגנ אײדעס וועגנ ניט פאַרשטיינ דעמ כאַראַקטער פונ אונדזער קאַמפּ. מיר פאַרטיידיקנ די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אונ אינ דעמ דאָזיקנ קאַמפּ קאָנ אונ דאַרפ באַטייליקנ זיכ דאָס גאַנצע פאָלק.

## מיר, קאָמוניסטנ, נעמענ אינ אכט די באַדערפענישנ פונ דער מילכאָמע

מיר האָבנ זיכ גאָר ניט אָפּגעזאָגט פונ אונדזער רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַמ, ווענ מיר האָבנ ניט גענומענ קיינ אָנטייל אינ די דאָזיקע געפערלעכע עקספּערימענטנ. קיינ מער רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַמ אייַדער די פּראָגראַמ, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי רוקט ארויס פאַרנ פאָלק, איז ניטאָ אונ קאָנ ניט זיינ. מיר, מאַרקסיסטנ לענינצעס, מערקנ

אָן די טאַקטיק און די סטראַטעגיע, נעמענדיק אין אַכט די קאָנקרעטע סיטואַציע. די, ווידער, וואָס מאַסקירן זיך מיט הויכע פראַזן און פּרינג איבערשפּרינגען איבער אַ ריי עטאַפּן, ווייל זיי ווילן טאָן דאָס, וואָס מע טאָר ניט טאָן, וועלן אומבאַדינגט ליידן אַ מפּלה. ניט פאַרשטיי-ענדיק די סיטואַציע, עקספּערימענטירנדיק, איבערשפּרינגענדיק איבער עטאַפּן, שטעלן די דאָזיקע מענטשן אין געפאַר דעם קאַמף פונעם שפּאַ-נישן פאָלק פאַר זיין באַפרייאונג. אָט דעריבער ווילן מיר, אַז די שטימע פון אונדזער פּאַרטיי זאָלן דערהערן אַלע, אַז אַלע זאָלן זען, אַז אונדזער פּאָליטיק, אונדזער טאַקטיק איז איצט פּונקט אַזוי ריכטיק ווי נעכטן. מיר האַלטן, אַז מיר זיינען אַ סך מער רעוואָלוציאָנער, איי-דער די, וואָס שוועבן אין די וואָלקנס און זיינען ווייט פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

## מע דאַרף ניט נאָר אָנערקענען די ריכטיקייט פון דער פּאָליטישער ליניע, נאָר אויך דורכפירן זי אין לעבן

ניט געקוקט אויף די „סאָציאַליזאַטאָרישע“ עקספּערימענטן פון דער לעצטער צייט, איז פאַראַן אַ פאַרבעסערונג פון דער פּאָליטישער אַט-מאָספער: עס זיינען שוין פאַראַן איינציקע ענדערונגען אינעם באַגרייפן די איצטיקע סיטואַציע. דאָס דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די פּאַר-טייען און די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גייען אַריין אינעם פאָלקס-פראָנט, האָבן אָנערקענט די ריכטיקייט פון אונדזער לאָזונג צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק; אין דעם אָנערקענען דעם אוי-טאָריטעט פון דער געזעצלעכער איינגעשטעלטער מאַכט; אין דעם פאַקט, וואָס עס פונקציאָנירט דער פּאַרלאַמענט און עס זיינען אָרגאַניזירט גע-וואָרן פּראָווינציעלע סיימען און מוניציפּאַליטעטן; וואָס עס ווערן ביס-לעכווייז ליקווידירט די קאָמיטעטן, וועלכע האָבן פאַרביטן די דאָזיקע אָרגאַנען פונעם מעלוכישן דעמאָקראַטישן אַפּאַראַט; אין דעם, וואָס עס ווערט איינגעשטעלט די רעפּובליקאַנישע געזעצלעכקייט — די אָרגאַני-זאַציע פון די געזעצלעכע פאָלקס-געריכטן; אין דער אָנערקענונג פון דער רעפּובליקאַנישער אָרדענונג און אין דער שאַפונג פון אַ פאָלקס-אַרמיי. אין איצטיקן מאָמענט אָנערקענען די פּאָליטישע פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס די נייטיקייט פון אַלגעמיינער מילי-

טער־פליכט, פונ אײנהײטלעכער קאָמאַנדע, פונ קאָאָרדינירנ די טעטי־קײט פונ דער אינדוסטריע אפנ יעסאָד פונ פּלאַנירונג אאַוו.

דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע גרונט־פּונקטנ פונ אונדזער פּראָגראַמ האָבנ אָנערקענט אַלע פּאַרטייענ אונ פּראָפאַרײנישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גײענ אַרײַנ אינ דעמ פאָלקס־פראָנט אונ זײַנענ פאָרגעשטעלט אינ דער רעגירונג, איז אַ גרויסער שריט פאָרויס. אָבער די גרונט־פּראָבלעמ פונ הײַנטיקנ טאָג איז ניט נאָר די אָנערקענונג פונ דער ריכטיקײט פונ אונדזער פּאָליטישער ליניע — איצט אַנטשײדנ די טעמפּנ פונ דער פאַרווירקלעכונג פונ דער ליניע. מע האָט געדאַרפט אַכט כאָדאָשימ מילכאָמע מע זאָל פאַרשטײנ דעמ גאַנצנ כוימ פּראָבלעמענ, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטײ האָט אַרויסגערוקט שוינ דעמ ערשטנ טאָג פונ דער מילכאָמע. אָבער מע קאָנ ניט וואַרטנ נאָכ אַכט כאָדאָשימ, ביז וואַנענ עס וועלנ דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ די אויפגאַבנ, וואָס שטײענ פאַר דער רעגירונג. אויב די רעגירונג וועט ניט אָננעמענ קײנ מיטלענ צו פאַרווירקלעכנ טײקעף אָט די עקאָנאָמישע, מיליטערישע אונ פּאָליטישע אויפגאַבנ, וואָס זײַנענ נײטיק צו געווינענ די מילכאָמע, אויב דאָס וועט ניט געטאָנ ווערנ אינ דער סאַמע קורצער צײַט, — ווײַל די לאַגע דערלאָזט ניט אָפּצױענ, — אויב די רעגירונג, ניט געקוקט אױפ דער אונטערשטיצונג פונעמ גאַנצנ פאָלק, וועט דאָכ ניט זײַנ פעיִק דורכצופירנ אינ לעבנ דאָס, וואָס די לאַגע פאָדערט קאַטעגאָריש, וועט זי זײַנ פאַרורטײלט. אָדער די רעגירונג וועט פאַרווירקלעכנ די מאָסמיטלענ, וואָס זײַנענ נײטיק צו געווינענ די מילכאָמע, אָדער די רעגירונג וועט ווערנ אויס רעגירונג (די דעלעגאַטנ שטײענ אויפ אונ אַפּלאָדירנ שטורמיש).

אַכט כאָדאָשימ מילכאָמע האָבנ באַוויזנ, אַז די פּראָבלעמ פונ טעמפּנ, די פּראָבלעמ פונ רעאַליזירנ די באַשלוסנ באַקומט אַנ אויסשײדנדיקע באַדײַטונג. איר שטעלט זיכ פאָר, וואָס פאַרא רעזולטאַטנ מיר וואָלטנ געהאַט, ווענ עס וואָלטנ שוינ די ערשטע טעג פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינ לעבנ אונדזערע לאָזונגענ וועגנ שאַפנ אַ רעגולערע אַרמײ אפנ באָדנ פונ אַלגעמײנער מיליטער־פליכט, וועגנ אײַנשטעלנ אַנ אײנהײטלעכע קאָמאַנדע, וועגנ שאַפנ רעזערוונ, וועגנ אַנטוויקלענ אַ מעכטיקע מיליטערישע אינדוסטריע אאַוו. אאַז.? ווענ דאָס אַלצ וואָלט דורכגעפירט געוואָרנ אינ לעבנ, וואָלט דער סוינע ניט געשטאַנענ באַמ טויער פונ מאַדריד, ער

וואָלט ניט נאָר גיט פאַרכאַפּט מאַלאַגע און אַנדערע שטעט, נאָר מיר וואָלטנ אים אויכ געקאָנט אָפּוואַרפנ אינ די סאַמע פאַרוואָרפענע ווינקלענ פונעמ לאַנד, און דער אויסגאַנג פונ דער מילכאָמע וואָלט געווענ ענטגילטיק געלייזט לעטויוועס אונדז (אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

וויאַזוי זשע האָט געקאָנט פּאַסירנ, אַז ביז איצט פאַרשטייט מענ ניט אַזאַ עלעמענטאַרע זאַכ, ווי אויסנוצנ אַלע אומשטענדנ צוליב דער אַרבעט פאַר דער לאַנדעסשוצ? וויאַזוי זשע האָט געקאָנט פּאַסירנ, אַז אויסער די קרעפטנ, וואָס שלאָגנ זיכ אַפ די פראָנטנ, איז נאָכ ניט אויסגענוצט דער רעזערוו פונ הונדערט מיליאָנענ קריגער, וועלכע מע דאַרפ לערנענ. ווענ מיר זאָל אָפּגעמעסנ ווערנ, וואָלטנ מיר געקאָנט האָבנ אַ רעזערוו פונ 100, 125, 150 מיליאָנ מאַנ, וואָס זיינענ באַקאַנט מיט דער מיליטער-קונסט, מיר וואָלטנ געקאָנט פאַרבינדנ און שיקנ אויסבייטנ די קריגער, וואָס שלאָגנ זיכ אַפ די פראָנטנ. אָט דער רעזערוו וואָלט אויכ געקאָנט אויסגענוצט ווערנ צו בויענ פאַרפעסטיקונגענ, צו גראָבנ שוצגראָבנס, דורכצולייגנ און רעמאָנטירנ וועגנ אאַז. מיט אַזאַ אָרגאַניזירטע, צוגעגרייטע און באַוואָפנטע רעזערוונ וואָלט יעדע מינוט געקאָנט אַ וואָרפ געטאָנ ווערנ אַפ די פראָנטנ, וווּ מע דאַרפ האָבנ נייע קרעפטנ, און צווימענ דערמיט וואָלט יעדע בריגאַדע, יעדע דיוויזיע, יעדער באַטאַליאָנ, יעדער קריגער, וואָס געפינט זיכ אַפנ פראָנט, געוווּסט, אַז ס'איז פאַראַנ אַ רעזערוו, אַז זיי וועלנ ניט דאַרפנ כאַדאָשים-לאַנג זיצנ אָנ רו אינ די שוצגראָבנס. דאָס דאַרפנ אַלע פאַרשטיינ. און אויב דאָס פאַרשטייענ ניט די, וועמ עס מוז דאָס פאַרשטיינ, זאָל מענ אונדז געבנ די נייטיקע מעגלעכקייטנ און פּילמאַכטנ, — אונדזער פאַרטיי נעמט זיכ אונטער אינ משך פונ איינ כודעש צו מאָביליזירנ און שולנ די דאָזיקע רעזערוונ און איבערגעבנ זיי דער רעגירונג (ש ט ו ר מ י ש ע ל אַ נ ג ד ו י ע ר נ ד י ק ע אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

## די גרונט־אויפגאַבנ פונעמ מאָמענט

איינע פונ די גרונט-אויפגאַבנ, וואָס די סיטואַציע פאָדערט זייער לייזונג, איז די פאַרפעסטיקונג פונ דער פאָלקס-אַרמיי. די דאָזיקע פּראָבלעמ דאַרפנ לייזנ אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייענ אַריינ אינ דעמ

פאָלקס־פראָנט, אונ אינ דער ערשטער ריי די רעגירונג. מיר דארפנ האָבנ א פאָלקס־ארמיי אונ אנ איינהייטלעכע קאָמאנדע. דאָס אָנערקענענ איצט אלע. אלע ווייסנ, אז אונדזער מילכאָמע איז א מילכאָמע פונ א היינטצייטיקנ טיפּ, ד. ה. א מילכאָמע, ווו דער סוינע פארמאָגט א געשולטע ארמיי, וואָס האָט דורכגעמאכט די שול פונ דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע אונ איז באוואָפנט מיט די נייסטע אויסראָטונגס־מיטלענ. אונ אויב דער סוינע האָט ניט קיינ גרויסע אָרטיקע קאָמפּלעקטירונגענ, האָט ער אָבער קאָמפּלעקטירונגענ אינ געשטאלט פונ די קאדרענ פונ די רעגולערע מיליטער־טיילנ פונ דייטשלאנד אונ איטאליע, פריער פאר אלצ מעכאנישע קאדרענ, אונ דאָס גיט צו דער מילכאָמע א העכסט פארביטערטנ כאראקטער.

אַט דער ארמיי פונ דעמ סוינע שטעלנ מיר אנטקעגנ אונדזער פאָלקס־ארמיי, וואָס האלט זיכ אינ פאָרמירנ אונ שעפּט קריגער פונ די ברייטע מאסנ פונ אונדזער לאנד. מיר האָבנ אויכ היינטצייטיק געווער. אָבער מע דארפ באהערשנ די טעכניק, אויסלערנענ זיכ די מיליטער־קונסט, ווייל מילכאָמע איז וויסנשאפט אונ קונסט. ס'איז ניט גענוג צו זײַנ גערעכט, ווי דאָס מיינענ אייניקע ראָמאנטיקער, — מע דארפ קאָנענ אײַנשטעלנ דאָס רעכט דורכ קראפט. ס'איז קיינ סאָפעק ניט, אז מיר האָבנ קאָלאָסאלע דערגרייכונגענ אינ דער שאפונג פונ דער פאָלקס־ארמיי, אָבער דער פּראָצעס פונ איר פאָרמירונג איז ווײַט ניט געענדיקט. ווער עס לייקנט דאָס, דער דערשאצט ניט דעמ סוינעס קויכעס אונ וועט ניט קאָנענ שאפנ די נייטיקע באדינגונגענ פארנ ניצאָכנ.

## דרײַ גרונט־פאזעס אינ דער שאפונג פונ אונדזער ארמיי

די שאפונג פונ אונדזער ארמיי אינ שפאניע איז דורכגעגאנגענ דרײַ גרונט־עטאפּנ. אפנ ערשטנ עטאפּ, אינעמ מאָמענט פונעמ טרײַברעכערישנ בונט פונ די גענעראלנ, וואָס האָבנ מיטגעצויגנ מיט זיכ א היפּשנ טייל פונ דער ארמיי אונ דעמאָראליזירט דעמ איבעריקנ טייל, האָט מענ באדארפט באוואָפענענ דאָס פאָלק מיט דער קנאפּער צאָל געווער, וואָס מיר האָבנ געהאט אינ אונדזער רעשוס. דאָס באוואָפנטע פאָלק צוזאמענ מיטנ טייל מיליטער, וואָס איז געבליבנ טרײַ דער רעפּוב־

ליק, האָט באַוויזנ צו געבנ א ווידערשטאַנד די בונטאָווטשיקעס, שאַפנדיק די ערשטע, די אימפּראָוויזירטע מיליטערישע אָטריאַדנ. די באַוואָפנטע פאָלקס־מאַסנ האָבנ געגעבנ דעמ סוינע פּיינלעכע מאַפּאָלעס, זיי האָבנ אימ צעקלאַפּט אינ פאַרשיידענע פּונקטנ פונעמ לאַנד, אונ מיט דער הילפ פונעמ געווער, וואָס איז אָפּגעשלאָגנ געוואָרנ בא די בונטאָווטשיקעס, האָט זיכ אײנגעגעבנ צו שאַפנ מער ווייניקער אָרגאַניזירטע אָטריאַדנ מיליציע, וואָס האָבנ געצוואונגענ דעמ סוינע אינ אייניקע ערטער קאַפּיטולירנ אונ אינ אייניקע ערטער — צוריקציענ זיכ. דעמ דאָזיקנ פּעריאָד קאָנענ מיר אָנרופנ: דער דראַמאַטישער פּעריאָד פונ דער מילכאָמע. מע האָט געמיינט, אַז אַנדערער קאַמפ וועט געפירט ווערנ נאָר קעגנ די טריבעלערישע גענעראַלנ אינ די ווינציקע נאַציאָנאַלע מיליטער־טיילנ, וואָס זיי האָבנ אַרייגעצויגנ אינעמ בונט. אַרויסגייענדיק פונ דער דאָזיקער היפּאָטעזע, האָט מענ געהאַלטנ, אַז די רעפּובליקאַנישע רעגירונג וועט גיכ ליקווידירנ דעמ בירגערקריג. אָבער שוינ אינ עטלעכע וואָכנ נאָכנ אָנהייב פונעמ בונט האָט מענ זיכ געקאָנט איבערצייגנ, אַז דער סוינע באַקומט געווער אונ אַמוניציע פונ די דייטשישע, איטאַליענישע אונ פּאָרטוגאַלישע פאַשיסטנ. דאָס פאַראַנענזיינ פונ געווער אונ דאָס קענענ באַהערשנ געווער — דאָס ווערט אַלצ מער אינ מער אַנ אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר, וואָס קאָנ לייזנ דעמ אויסגאַנג פונ דער מילכאָמע אינ דער אָדער יענער זייט. דיסקאָנטירנדיק דעמ כאַראַקטער פונ דעמ קאַמפ, האָט אונדזער פּאַרטיי אַרויסגערוקט דעמ לאָזונג — שאַפנ א רעגולערע אַרמיי, באַוואָפענענ זי מיט דעמ נייטיקנ געווער אונ אַמוניציע. אונדז האָט מענ ניט געפאָלגט, אונ דערמיט האָט זיכ אָנגעהויבנ דער פּעריאָד, וואָס מיר קאָנענ אימ אָנרופנ דער צווייטער עטאַפּ פונ דער מילכאָמע.

אינ צווייטנ עטאַפּ האָט דער סוינע מיט דער הילפ פונ אויסלענדישע מיליטערישע ספּעציאַליסטנ דיסציפּלינירט אונ איינגעשלאָסנ אינ זיינ אַרמיי די מאַראָקאַנישע אונ נאַציאָנאַלע מיליטער־טיילנ פונעמ עקספּעדיציע־קאָרפּוס אינ די טיילנ פונעמ אויסלענדישנ לעגיאָנ. פאַרמאָגנדיק אַוויאַציע, טאַנקענ אונ אויטאָמאַטיש געווער, האָט דער סוינע פאַנאַנדערגעוויקלט אַנ אָנגריפ פונ דאָרעמ־זייט, אונ שטרעבנדיק צו פאַרייניקנ זיכ מיטנ צאָפנ־פראָנט, האָט ער אָנגעהויבנ פירנ אַנ אָנגריפ אויפ מאָ

פֿון דעם טײַך טאַכאָ. אָט דער אַנגריף האָט איצט געבראַכט צום טויער פֿון מאַדריד. אין דעם פּעריאָד האָט מען אָנשטאָט צו שאַפֿן די פֿאָלקס-אַרמײ און גרייטן די נייטיקע געשולטע, דיסציפּלינירטע רעזערוון, וואָס זאָלן קאָנען באַהערשן געווער, ווײַטער אָרגאַניזירט אָקטיאָרן מיליציע, און מע האָט ניט געלייגט קיין שום אַכטונג אַז צוגרייטן רעזערוון. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ווען מיר האָבן שוין געהאַט געווער, האָט מען דאָס געמוזט געבן מענטשן, וואָס זײַנען אַפֿילו באַגײַסטערט מיט די בעסטע געפֿילן, אָבער זײַנען ניט באַקאַנט מיט דער מיליטער-קונסט און זײַנען ניט פֿייִק ניט צו באַשיצן זיך, ניט צו אַטאַקירן דעם סוינע, וואָס פֿאַרמאָגט מיליטערישע קענטענישן און איז באַוואָפֿנט מיט הײַנטצײַטיקע שלאַכט-מיטלען. איבער דער אָפּוועזנהייט פֿון אַן עכטער אַרמײ און איבער דעם פֿאַראַט פֿון די ניט-זיכערע מיליטערישע אָנפֿירער, וואָס מע האָט זיי בײַ אונדז אָנפֿאַרטרויט קאָמאַנדע-פּאָסטנס, זײַנען מיר געגאַנגען פֿון איין מאַפּאָלע צו דער צווייטער ביז סאַמע טויער פֿון מאַדריד. אונדזער פּאַרטיי, וואָס ווײַזט אַלעמאָל אַ בײַשפּיל, האָט, בײַקומענדיק אָן אַ שיר שוועריקייטן, באַוויזן צו דיסציפּלינירן און אויסלערנען דורכן פֿינפֿטן פּאָלק צענדליקער טויזנטער לעגיאָנערן. די דאָזיקע קרעפֿטן פֿלעגן אַריבערגעוואָרפֿן ווערן אין די סאַמע געפֿערלעכע ערטער, וווּ דער סוינע פֿלעגט דורכרײַסן דעם פֿראָנט, זיי פֿלעגן געשיקט ווערן אַלס שטורעם-אָטריאַדן צו אָפּשטעלן דעם סוינעס אָנגריף. ווער ווייסט דאָס ניט — ניט נאָר אין שפּאַניע, נאָר אויך אויסער איר — וואָס עס איז געווען דער פֿינפֿטער פּאָלק? וווּ רעדט מען ניט וועגן דעם פֿינפֿטן פּאָלק? וווּ, אין וועלכן פֿראָנט זײַנען ניטאָ קיין העלדן פֿונעם פֿינפֿטן פּאָלק? אָרגאַניזירטקייט, דיסציפּלין, מעסירעסנעפֿעשדיקייט, העראָיזם — אָט וואָס עס פֿאַרקערפּערט דער פֿינפֿטער פּאָלק. דער פֿינפֿטער פּאָלק האָט אויסגעלערנט דעם קריגס-וועזן 70 טויזנט קריגער. הונדערטער קאָמאַנדירן, וואָס זײַנען אַרויסגעקומען פֿונעם פּאָלק, זײַנען דערצויגן געוואָרן אינעם פֿינפֿטן פּאָלק. זיבעציק טויזנט קריגער פֿונעם פֿינפֿטן פּאָלק האָבן אין די סאַמע שווערע מינוטן, דעריקער בײַ מאַדריד, געגעבן אַ ווידערשטאַנד דעם סוינע.

# די אופגאבע צו שאפן די פאָלקס־ארמיי האָט מען ניט פאַרשטאַנען

אין די אָפיציעלע קרייזן האָט מען ניט פאַרשטאַנען די נייטיקייט צו שאפן א פאָלקס־ארמיי, האָט זיך דערצו גענומען די קאָמוניסטישע פארטיי. די קאָמוניסטישע פארטיי האָט ניט געקאָנט איינגיין אַף דעם, אז מע זאָל ווי פריער פאַרזעצן באוואָפנטע מענטשן, וואָס באהערשן ניט דאָס געווער, און דערצו נאָך עטלעכע שאָ אָדער עטלעכע טעג פאַר דער שלאכט. די מיליציע איז געגאנגען אַפן פראָנט, ניט האָבנדיק דורכגעמאכט פריער קיין שום שולונג, קימאט אבסאָליוט ניט באהערשנדיק דאָס געווער. דערמיט דערקלערן זיך מיילווייז די סטראטעגישע מאפּאָלעס בא אָראָפּעסא און טאלאווערא, און אלע שלאכטן אינעם טאָל פון טאכאָ. אָנגרייפנדיק אַף מאדריד, פלעגן דער מוירע פארניכטן טויזנטער מענטשן, טויזנטער לעגיאָנערן, וואָס זיינען ניט באוואוסט מיט דער קריגס־קונסט. און מיר, ווייטעקנדיק שטארק פאַר דעם לעבן פון די ארבעטער, פון די פויערים און פון אלע אנטיפאשיסטן, האָבן מיר באשלאָסן פאַריכטן די האָזיקע פעלערן און האָבן געשאפן דעם פינפטן פאָלק. דער פינפטער פאָלק איז ניט געווען קיין קאָמוניסטישער פאָלק, ער איז געווען א שלאכט־איינס פונעם פאָלקס־פראָנט, ער האָט געדינט דעם פאָלקס־פראָנט. און ווען מיר האָבן דערזען, אז דער האָזיקער פאָלק האָט באהערשט די יעסוידעס פון דער קריגס־קונסט, אז זיין אָנגעזאמלטע דערפארונג קאָן מען אויסנוצן צו שאפן די פאָלקס־ארמיי, האָבן מיר געמאָלדן דער רעגירונג: „אָט איז דער פינפטער פאָלק, זיינע קריגער, זיין אָרגאניזאציע, זיין אפּאראט, שליסט איר אים איין אין דער רעגולערער ארמיי“. אזוי האָבן מיר געטאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געזאָגט דער רעגירונג: „איבערגעבנדיק אייך דעם פינפטן פאָלק, בעטן מיר, אז זיין ביישפּיל זאָל נאָכמאָכן גאנץ שפּאניע, אז עס זאָלן געשאפן ווערן רעזערוון, ווי דאָס האָט באוויזן צו שאפן דער פינפטער פאָלק“. און אויב דאָס ווערט ניט געטאָן, הייסט עס, אז מע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס שפּילט פאַר מיט זיך די שרעקלעכע מילכאָמע, וועלכע מאכט כאָרעוו שפּאניע (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן).

# דער פינפטער פּאָלק און די פּאַרטיידיקונג פון מאדריד

ווען דער פײַנט איז צוגעקומען צו מאדריד האָט דער פינפטער פּאָלק און דער מאדרידער געגנט־קאָמיטעט פון אונדזער פּארטיי, לויט דער אָנווייזונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, ארויסגערוקט דעם לאָזונג — פּאַרטיידיקן מאדריד אום יעדן פּרײַז. מיר האָבן מאָביליזירט צוליב דעם ניט בלויז אונדזערע אייגענע קויכעס, נאָר אויך אַלע קויכעס פונעם פּאָלקספראָנט. ווי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, אַז די זעלבע טיילן, וואָס האָבן געכאַפּט קלעפּ בײַ אָראָפּעסאַ, מאַלאַוועראַ און טאַלעדאָ און האָבן זיך אָפּגעטרעטן ביזן סאַמע טויער פון מאדריד, האָבן געקאָנט אָפּשלאָגן דעם אָנדראַנג פון דעם סוינע, ארויסרופנדיק אנטציקונג ניט בלויז אין שפּאַניע, נאָר אויך אין גאָר דער וועלט? דאָס דערקלערט זיך מיט אַ ריי אומשטענדן.

ע ר ש ט נ ס, די לעגיאָנערן פון דער מיליציע, וואָס זײַנען קאָנצענטרירט אַרום מאדריד, האָבן פאַרשטאַנען, וואָס הייסט דיסציפּלין אין קאַמף. אין דער שפּיץ פון די אָטריאַדן לעגיאָנערן זײַנען געשטאַנען קאָמאַנדירן, אויסגעפּרוּווטע אין שלאַכטן. די פּאַרטיי האָט געשיקט אין פינפטן פּאָלק אירע בעסטע טוער, וואָס קאָנען באַווײַזן אַ מוסטער פון איבערגעגעבנקייט און שלאַכטפעיִקייט.

צ ו ו י י ט נ ס, די ערשטע אָטריאַדן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, וואָס האָבן געקעמפט אונטער די ווענט פון מאדריד, האָבן באַוויזן דעם שפּאַנישן פּאָלק, וואָס האָט שווער געליטן פון דער אויסגערופענער פּאָליטיק פון „ניט־אַרײַנמישונג", אַז די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט און הילף פון די דעמאָקראַטישע פעלקער פון גאָר דער וועלט איז ניט קיין פּוסטע פראַזע. דאָס שפּאַנישע פּאָלק האָט דערזען, אַז די בעסערע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דער דעמאָקראַטיע זײַנען גרייט אָפּצוגעבן זייער לעבן אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם. דער אָנטייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין די שלאַכטן האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע מאָראַלישע באַדײַטונג: ער האָט אויפגעהויבן די שלאַכט־פעיִקייט פון די פּאַרטיידיקער פון מאדריד.

ד ר י ט נ ס, אונדזערע באַוואָפנטע קרעפטן, אונדזער מיליציע האָבן ענדלעך אָנגעהויבן באַקומען די נייטיקע באַוואָפענונג צו אָפּשלאָגן דעם

סוינע. דעם סוינעס אַוויאַציע האָט שוין ניט געקאָנט אונדז שלאָגן טאָג-אײַן טאָג-אויס אומבאַשטראָפֿט. אונדזערע אַעראָפּלאַנען פֿליִען עטפּערן מיט אַ קלאַפּ אָן אַ קלאַפּ, דעמאָנסטרירנדיק זייער אויבערהאַנט איבער דעם קעגנער. קעגן דעם סוינעס טאַנקען האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אונדזערע טאַנקען, קעגן זײַן אַרטילעריע און קוילנוואַרפֿערס האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אונדזער אַרטילעריע און אונדזערע קוילנוואַרפֿערס. דאָס אַלץ האָט פֿאַרשטאַרקט דעם גלויבן פֿון די קריגער אין זייערע קויכעס, אין דער מעגלעכקייט צו פֿאַרטיידיקן זיך און אַריבערגיין אין קאָנטר-אָנגריף.

דער דריטער עטאַפּ פֿונעם קאַמף ווערט כאַראַקטעריזירט מיט דער שטימונג פֿון דעם סוינע, וואָס האָט געמיינט, אַז נאָך זײַנע ניצחונעס אין טאָל פֿון טאַכאָ איז אײַננעמען מאַדריד און אָפּהאַלטן אַ ניצחון אין גאַנץ שפּאַניע — גאָלע-גאַרנישט, אַז די פֿאָרקומענדיקע מילכאָמע איז אַ מיליטערישער שפּאַצירגאַנג. אָבער, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער סוינע האָט געלאָזט אין גאַנג אַלע זײַנע מאַראָקאַנישע רעזערוון, דעם אויסלענדישן לעגיאָן און האָט אויסגענוצט די הילף פֿון די אויסלענדישע פֿאַשיסטן, האָט ער פֿונדעסטוועגן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן קיין ניצחון. דעמאָלט האָבן זיך די בונטאָווטשיקעס געווענדט נאָך הילף צו זייערע פֿאַרבינדעטע — צום דײַטשישן און צום איטאַליענישן פֿאַשיזם, פֿאָדערנדיק, אַז אַחוץ ספּעציאַליסטן און געווער זאָל מען זיי צושיקן רעגולערע טיילן פֿון דער דײַטשישער און דער איטאַליענישער אַרמייען. פֿון דעם מאָמענט אָן ווערט די מילכאָמע אַ נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונגס-מילכאָמע קעגן אַן אימפּעריאַליסטישער אַרמיי, אַ פֿאַרכאַפּערישער, וואָס פֿאַרמאָגט די היינטצײַטיקע מיליטערישע טעכניק און באַהערשט פֿולקום די קריגס-קונסט. עס זײַנען שוין ניט געווען באַוואָפֿנטע אָטריאַדן מיליציע, ס'איז נייטיק אַ מעכטיקע נאַציאָנאַלע אַרמיי, וואָס זאָל קאָנען ניט נאָר זיכערן דעם פֿראָנט מיט קריגער, נאָר אויך צוגרייטן די נייטיקע רעזערוון צו פֿאַרבײַטן די אָפּערירנדיקע טיילן און אַריבערגיין אין קאָנטר-אָנגריף.

די גרונט-פּראָבלעם, וואָס שטייט איצט פֿאַר אונדז, איז באַהערשן די טעכניק. מיר פֿאַרמאָגן אויך היינטצײַטיקע קאַמפֿס-געווער, — עמעס, ניט אַזויפֿיל, ווי דער סוינע, — אָבער מע דאַרף פֿולקום באַהערשן די מי-

ליטעראַרישע טעכניק, קאָנען אָנווענדנ די טאַקטיק און די סטראַטעגיע, וואָס אַנטשפּרעכט די פֿאָדערונגען פֿונ היינטצײַטיקער שלאַכט.

אַז אַט דעם ד ר י ט נ ע ט אַ פּ פֿונ אונדזער קאַמף האָט די פּאַרטיי, באַגעמענדיק קלאָר די ערנסטקייט פֿונ דער לאַגע, פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויפֿ-רופֿ, וווּ זי האָט אָנגעוויזנ דעם וועג צום ניצחונ. אינ זײַנ דעקאַבער-אויפֿרופֿ פֿאָדערט אויפֿ דער צענטראַל-קאָמיטעט צו שאַפֿנ א ר ע ג ו ל ע-ר ע א ר מ י י, וואָס זאָל אַריבערשטײַגנ דעם קעגנערס אַרמיי אינ באַוואָ-פֿענונג, דיסציפּלינ, מאָראַל און שלאַכטפֿײַיקייט און זאָל באַהערשנ די נייטיקע רעזערוונ. די פּאַרטיי זאָגט, אַז מע דאַרפֿ אײַנשטעלנ אַן א י י נ-ה ײ ט ל ע כ ע ק אָ מ אַ נ ד ע און אונטערוואַרפֿנ אַלע קריגס-אָפּעראַציעס אַן אײַנהײטלעכנ פּלאַנ. מע דאַרפֿ ווי מעגלעכ בעסער אויסנוצנ דאָס גע-ווער און די קריגער, און דאָס הייסט מאַכנ אַ סאָפּ צו דער אומאָפּהענ-גיקייט פֿונ באַזונדערע סעקטאָרנ. מע מוז דורכפֿירנ אַ רייניקונג פֿונ דער אַרמיי, פּאַטער ווערנ פֿונ די אומפֿײַיקע אָדער אָפֿנ-פֿײַנטלעכע עלע-מענטנ, וואָס האָבנ ניט דעם צוטרוי פֿונ דעם באַוואָפֿנטנ פֿאָלק, און פֿאַרבײַטנ זיי מיט מענטשנ, וואָס זײַנענ טרײַ דער רעפּובליק און דער פֿאָלקס-זאַכ.

אינ וואָס פֿאַר א מאָס איז אונדזער אַרמיי פֿאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א רעגולערער אַרמיי? די קאָמאַנדע האָט געמאַכט געוויסע שריט אינ דער דאָזיקער ריכטונג. די מיליציע-אָטריאַדנ, די אָטריאַדנ פֿונ אייג-צלנע פּאַרטייענ און פּראָפֿאַריינענ ווערנ ביסלעכווײַז ליקווידירט און טרעטנ אָפּ זייער אָרט דער רעגולערער אַרמיי מיטנ ראָטעס, באַטאַליאָ-נענ, בריגאַדעס און דיוויזיעס. ס'איז אײַנגעפֿירט געוואָרנ אַלגעמיינע מי-ליטער-פֿליכט. אָבער עס איז נאָכ ניט געלייזט די פֿראַגע וועגנ רעזערוונ, און די וויכטיקייט פֿונ דער דאָזיקער פֿראַגע באַנעמענ נאָכ ניט די, וואָס דאַרפֿנ דאָס באַנעמענ.

רעזערוונ דאַרפֿ מענ האָבנ שטענדיק, און ניט נאָר צײַטווײַליק, ווענ די לאַגע אויפֿ די פֿראָנטנ ווערט ערגער. מע דאַרפֿ האָבנ געשולטע, באַ-וואָפֿנטע און אומבאַוואָפֿנטע רעזערוונ. מע דאַרפֿ האָבנ צענדליקער טויזנטער קריגער צו פֿאַרבײַטנ די, וואָס געפֿינענ זיכ אויפֿנ פֿראָנט גאַנ-צע וואָכנ און כאָדאָשימ אָנ אָפּרו. מע דאַרפֿ האָבנ צענדליקער און הונדערטער טויזנטער קריגער צו קאָמפּלעקטירנ די רייענ פֿונ דער אַר-

מיר. מע דאַרף פֿאַרשטיין, אַז מע דאַרף ניט בלויז רעגולערע באַנען די מיליטער־טיילן אויפֿן פֿראָנט, נאָר מע דאַרף אויך לערנען די קריגער דאָס מיליטער־וועזן און פֿאַרהאַרטעווען אין שלאַכט נײַע צענטראַליקער טויזנטער מענטשן; מע דאַרף פֿאַרשטיין, אַז יעדע דיוויזיע דאַרף פֿאַרמאָגן גײַסטיקע רעזערוון, כּדי זיי זאָלן אין דער גײַסטיקער מינוט קאָנען לייזן דעם אויסגאַנג פֿון דער שלאַכט לטובֿת אונדז. די פּראָבלעם פֿון רעזערוון האַלטן מיר פֿאַר אַ העכסט וויכטיקער, און יענע, וואָס זאָגן, אַז מע קאָן ניט גרייטן קיין רעזערוון, ווען מע האָט ניט קיין געווער, מוזן מיר דערמאָנען וועגן דעם טרויעריקן גורל פֿון טאַלאַווערא, ווען די לעגיאָנען, ניט האָבנדיק קיין מיליטערישע צוגרייטונג און באַקומענדיק ביקסן עטלעכע שעה פֿאַר אָנהייב פֿון דער שלאַכט, האָבן ניט געקאָנט באַנוצן זיך מיט זיי, און מיר האָבן פֿאַרלאָרן ניט נאָר געווער און מענטשן, נאָר אויך פּאָזיציעס.

כּדי צו פֿאַרפֿולן דעם בליוז, וואָס איז אַרויסגערופֿן דורך דעם, וואָס די רעגירונג האָט ניט פֿאַרשטאַנען די נייטיקייט צוצוגרייטן רעזערוון, האָבן אונדזער פּאַרטיי, די פּאַרטייִקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿון קאַטאַלאָניע און דער געגנט־קאָמיטעט פֿון וואַלענסיע דורכגעפֿירט אומעטום אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע און אויסגעלערנט טויזנטער מענטשן די קריגס־קונסט. צי וועלן נעמען אין אַכט יענע, פֿון וועמען דאָס הענגט אָפּ, אַז מיר האָבן שוין רעזערוון, אַז מע וועט זיי קאָנען אין אַ פּאַסיקן מאָמענט אויסנוצן, אָדער מיר וועלן מוזן קלאָגן זיך אָפּ דעם, אַז אַזוי ווי די רעגירונג אָדער אַ באַאַמטער אָרגאַן האָט די דאָזיקע מענטשן ניט געלערנט, האָט מען זיי ניט געקאָנט אויסנוצן? מע דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע קרעפֿטן זײַנען פֿאַראַן, ווײַל דער פֿאַקט, אַז די מיליטערישע שולן ווערט דורכגעפֿירט און טויזנטער מענטשן מאַכן זיי דורך, האָט די זעלבע באַדײַטונג, ווי זייער אַ מעלדונג: „מיר וואַרטן נאָר, מע זאָל אונדז אַרויסגעבן געווער און אָפּשיקן אויף די פֿראָנטן, וווּ מע נייטיקט זיך אין אונדז. פֿון וואַנען מיר זאָלן ניט קומען: פֿון קאַטאַלאָניע, פֿון וואַלענסיע צי פֿון אַנדערע טיילן פֿון שפּאַניע, ווילן מיר זיך שלאָגן פֿאַר מאַדריד, פֿאַר אַראַגאָן, מיט איין וואָרט, דאָרטן, וווּהין די רעגירונג וועט אונדז שיקן. אָבער מיר ווילן, מע זאָל זיך רעכענען מיט אונדזערע פֿאַרלאַנגען. מיר ווילן וואָס גיכער באַקומען געווער און שלאָגן זיך“.

אָט וואָס מיר האָבנ דערגרייכט אינ דער פראַגע וועגנ בילדנ א רעגולערע אַרמיי אינ לייזנ די רעזערוונ-פּראָבלעמ. אָבער דאָס איז נאָכ ווייט ניט געטונ. מע דאַרפ אומעטומ און איבעראַל מאָנענ וועגנ דער נייטיקייט צו אָרגאַניזירנ רעזערוונ.

## די איינהייטלעכע קאָמאַנדע

די צווייטע אויפגאַבע, וואָס דאַרפ דרינגענדיק געלייזט ווערנ, איז די אויפגאַבע צו שאַפנ אַנ איינהייטלעכע קאָמאַנדע. דעמ פּרינציפ פונ אַנ איינהייטלעכער קאָמאַנדע האָבנ פיל ביז איצט ניט באַנומענ. עס זיינענ פאַראַנ אַזוינע, וואָס פאַר זיי הייסט איינהייטלעכע קאָמאַנדע, אַז קאַטאַלאָניע דאַרפ האָבנ איר קאָמאַנדע, ביסקייע — איר קאָמאַנדע, אַסטוריע פונ דאָרעמ און פונ צאָפנ — איר קאָמאַנדע, און זיי אַלע וועלנ זיינ מער ווייניקער ענג פאַרבונדנ מיטנ קריגס-מיניסטעריומ. קעגנ דעמ האָזיקנ שטאַנדפּונקט מוז מענ זאָגנ: איינהייטלעכע קאָמאַנדע הייסט, אַז עס איז פאַראַנ א גענעראַל-שטאַב, וואָס פאַרמאָגט ווירקלעכע מאַכט, וואָס מערקט אָנ די שלאַכט-אָפּעראַציעס און פירט מיט זיי אָנ; איינהייטלעכע קאָמאַנדע הייסט וויסנ פינקטלעכ, וועלכע פּאָזיציעס און וועלכע קרעפטנ מיר פאַרמאָגנ, פאַנאַנדערטיילנ געווער און מענטשנ לויטנ פּלאַנ, האָבנ דאָס רעכט אַריבערצוואַרפנ טיילנ אַפ פאַרשיידענע פראָנטנ, עס טאָר ניט זיינ קיינ שום אַנדער פּלאַנ פונ אָפּעראַציעס אויסער דעמ פּלאַנ, וואָס דער גענעראַל-שטאַב האָט אויסגעאַרבעט; קיינער, אויסער דעמ גענעראַל-שטאַב, האָט ניט קיינ רעכט פאַנאַנדערצוטיילנ די מיליטערישע קרעפטנ און קריגס-מאַטעריאַלנ; אינ אַלצ, וואָס האָט א שייכעס צו די קריגס-אָפּעראַציעס, טאָר קיינער ניט האָבנ קיינ גרעסערנ אויטאָריטעט איידער דער גענעראַל-שטאַב. קעדיי דער גענעראַל-שטאַב זאָל האָבנ א גרויסנ אויטאָריטעט, דאַרפנ אינ אימ אַריינגיינ פאָרשטייער פונ קאַטאַלאָניע און ביסקייע, וואָס זייערע מיליטערישע קרעפטנ אָפּערירנ איצט קימאַט אומאָפּהענגיק. די אַרמייקע שטאַבנ דאַרפנ זיכ האַלטנ באַמ אַלגעמיינעמ סטראַטעגישנ פּלאַנ, אַנווענדנדיק אימ צו די באַדינגונגענ פונ זייער פראָנט, סטאַרענדיק זיכ מאַקסימאַל אויסנוצנ זייערע אייגענע רעסורסנ. אויב מיר וועלנ דאָס אַלצ דורכפירנ אינ לעבנ,

וועלן מיר זיך דערשלאָגן, אַז עס וועט איינגעשטעלט ווערן א ווירקלעכע
איינהייטלעכע קאָמאַנדע, און ניט אַזוי ווי איצט, ווען יעדער פראָנט באַ-
שטימט וועלכע קריגס-אָפּעראַציעס ער זאָל דורכפירן לויט זיין אייגע-
נעם איינזען, אַף זיין אייגענער ריזיקע. ס'איז אַבסאָליוט ניט צו פאַר-
שטיין, פאַרוואָס איצט, אין 8 כאַדאָשים אַרום נאָכן אָנהייב פון דער
מילכאָמע האָבן מיר נאָך ניט קיין איינהייטלעכע קאָמאַנדע, כאָטש זי
קען און דאַרף זיין.

אונדזער פּאַרטיי דאַרף זיך דערשלאָגן א פאַרשטערקונג וועגן דער
שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער קאָמאַנדע, וואָס זאָל אַרומנעמען די
קאָאַליציע פון די ביידע.

## ג. „אַפּאָליטישע אַרמיי״

עמעצ-ווער פּלוידערט וועגן דעם אַפּאָליטישן כאַראַקטער פון אונ-
דזער פאָלקס-אַרמיי. פריער פאַר אַלץ דאַרף מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל
זאָגן, אַז קיין אַפּאָליטישע אַרמיי עקזיסטירט ניט. יעדע אַרמיי דינט
עמעצנס אינטערעסן, פירט דורך עמעצנס פּאָליטיק.

צי קאָן זיין אַפּאָליטיש אַזאַ אַרמיי, וואָס האָט זיך פאָרמירט פריי-
וויליק צוליב קאַמף קעגן פאַשיזם, — אָט דעם דאָזיקן אויסדרוק פון
דעם סאַמע עקלהאַפטן און כייִשן רעזשים, וואָס די געשיכטע האָט
ווען-עס-איז געוווּסט? אונדזער אַרמיי איז א פּאָליטישע אַרמיי, די
שטיצע פונעם פאָלקס-פראָנט, וואָס דינט דעם פאָלק.

אונדזער אַרמיי פאַרטיידיקט מיט געווער אין האַנט די פּאָליטיק
פונעם פאָלקס-פראָנט, וואָס האָט פאַרפעסטיקט די דעמאָקראַטישע רע-
פּובליק, וועלכע די בונטאָוושטשיקעס ווילן פאַרניכטן מיט דער הילף פונעם
אויסלענדישן פאַשיזם. אונדזער אַרמיי פאַרטיידיקט די אומאָפּהענגי-
קייט פון אונדזער היימלאַנד, ערד און פרייהייט פאַרן גאַנצן פאָלק,
ברויט, אַרבעט און שולעס פאַר אַלע קעמפער פאַרן פראָגרעס, ציווי-
ליזאַציע. אונדזער אַרמיי, די אַרמיי פונעם פאָלק, דאַרף דערצויגן ווערן
אין גייסט פון האַס צו די היימלענדישע פאַשיסטן, די הענקער פונעם
פאָלק, און צום אויסלענדישן פאַשיזם — דעם אונטערצינדער פון מילכאָ-
מע. אונדזער אַרמיי דאַרף דערצויגן ווערן אין גייסט פון ליבע צום פאָלק.

אַלע אַרמייען, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער געדיכטעניש פֿונעם פֿאָלק, זײַנען געווען אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער ווירקלעכער פֿאָלקס-פּאָליטיק. אַזאַ איז געווען די אַרמיי פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַזאַ איז געווען און אַזאַ איז די אַרבעטער-פּויערישע אַרמיי פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אַזאַ איז געווען און אַזאַ איז די אַרמיי, וואָס קעמפֿט פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון כינע. ווער איז, אַלזאָ, פֿאַרינטערעסירט אין דעם, אַז אונדזער אַרמיי זאָל זײַן אַפּאָליטיש? אין דעם זײַנען פֿאַרינטערעסירט די גענעראַלן פֿראַנקאָ און קייפּאָ דע ליאַנאָ, אַלע פֿאַשיסטישע קאַנאַליעס, זייערע דירעקטע אָדער אומדירעקטע אַגענטן, וואָס קאָנען נאָך, צום באַדויערן, דורכקריכן און קריכן דורך אין אונדזערע רייען, אין די רייען פֿון אונדזער אַרמיי (אַפּלאָדיסמענטן).

מע דאַרף טרײַבן פֿון דער אַרמיי און אָן ראַכמאָנעס באַשטראָפֿן טאַלאַנטלאָזע מענטשן און פֿאַרעטער. און דאָס דאַרף מען טאָן ניט דעמלט, ווען עס רוקט זיך אָן די אָדער יענע קאַטאַסטראָפֿע, נאָר סיסטעמאַטיש. באַגלײַך מיט דעם דאַרף מען ענערגיש דורכפֿירן די פּאָליטיק פֿון אַרויסרוקן און צוגרייטן נײַע אָפֿיצירן-קאַדרען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין קאַמף. מע דאַרף אײַנשטעלן כאַווערישע באַציִונגען צווישן די אַלטע און די נײַע אָפֿיצירן-קאַדרען, כדי זיי זאָלן איינער דעם אַנדערן העלפֿן און כדי די אָנשטרענגונגען סײַ פֿון די און סײַ פֿון יענע זאָלן זײַן מער פֿרוכטבאַר. מע דאַרף אויסנוצן די מיליטערישע קאַדרען, וואָס געפֿינען זיך ניט אויפֿן פֿראָנט, צו אָרגאַניזירן שולן, וווּ עס זאָלן זיך לערנען די יונגע לעגיִאָנערן פֿון דער מיליציע, די מיליטערישע אָנפֿירער, וואָס האָבן זיך פֿאַרקאָמענדירט אַלס פֿייִקע און האָבן דערוויזן אין די שלאַכטן זייער מעסירעס-נעפֿעשדיקייט און העראָיזם. פֿאַרורטיילנדיק טאַלאַנטלאָזע און פֿאַרעטערישע מײַסים, דאַרף מען עפֿנטלעך באַלױנען און מיטווירקן די העראָישע מײַסים פֿון יעדן קריגער, פֿון יעדן קאָמאַנדיר, פֿון יעדן קאָמיסאַר (אַפּלאָדיסמענטן).

# די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער קאָמאַנדע און די סיסטעמאַטישע רייניקונג פון דער אַרמיי

דאָס אַנשטעלן אַ שטרענגע דיסציפּלין אין דער אַרמיי איז פאַרבונדן אומצושיידבאַר מיטן פּרינציפּ פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער קאָמאַנדע.

איך פרעג: זיינען אויסגעפאָרשט געוואָרן די סיבות פון דער מאַפּאָלע בײַ מאַלאַוודאַ און מאָלעדאָ? זיינען די שולדיקע באַשטראָפט געוואָרן? צום באַדויערן, ניין. זיינען די שולדיקע אינעם פאַלן פון מאַלאַנע באַשטראָפט געוואָרן? אויך ניט. מע זאָגט, אַז עס ווערט געפירט אַן אויספאָרשונג, אָבער דאָס פאָלק, טיף אויפגערעגט פון די דאָזיקע געשעענישן, קאָן ניט וואַרטן וואָכנלאַנג; עס פאָדערט אַ גיכן געריכט און ווי געהעריק באַשטראָפן די שולדיקע אין דער מאַפּאָלע.

מע דאַרף זיך אויך אַנטשיידן באַשטראָפן די שולדיקע אין די מיליטערישע מאַפּאָלעס. ס'איז ניט גענוג אַראָפּצוזעצן לויט דער פאָדערונג פון פאָלק אַ גענעראַל, וואָס האָט אָרגאַניזירט די מאַפּאָלע, וואָס האָט זיך דירעקט אָדער אומדירעקט באַטייליקט אין די אַקטן פון סאַבאָטאַזש קעגן דער אַרמיי, און באַלד נאָכדעם נאָמינירן אים אויף אַן אַנדער פּאָסטן (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

מיטן פולן באַוווסטזיין פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערקלער איך פון דער דאָזיקער טריבונע, אַז מיר וועלן אויף קיין אופן מיטן ניט אָפּשטעלן דעם קאַמף פאַר אַ גרינטלעכער רייניקונג פונעם קאָמאַנדע־באַשטאַנד. מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן און מיר וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון אונדזערע פאָדערונגען, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער סוינע האָט זיינע אַגענטן אויף קאָמאַנדע־פּאָסטנס אין דער אַרמיי. און אויב מיר וועלן זיי ניט דערווייטערן פון די דאָזיקע פּאָסטנס, וועלן מיר שטעלן אין געפאַר אונדזער ניצאָכן, כאָטש מיר האָבן אַלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי פריער אָדער שפּעטער דערשלאָגן זיך אים. יענע, וואָס וואַרפן אונדז פאָר, אַז מיר רעכענען מיט אונדזערע פאָדערונגען, זאָגן מיר פריינטלעך, אַז זיי דאַרפן אונדז זיין דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס מיר ווילן ניט דערלאָזן, אַז דער פאַרדאַכט פון פאַרראַט זאָל פאַלן אויף ערלעכע מענטשן. אויספילן די דאָזיקע גרונט־אויפגאַבע פאָדערט ניט נאָר די

פאַרטיי — דאָס פאָדערן אויך די פראָנטאָוויקעס, וואָס האָבן פון סאַמע אָנהייב מילכאָמע געפילט אַף זייער אייגענער פעל די באַרימטע ריקצוגן איבער אומבאַוווסטע סיבעס, די געשרייען „מיר זײַנען אָפּגעשניטן". א ריײניקונג פון דער אַרמיי פאָדערן די פראָנטאָוויקעס, וואָס פלעגן באַקומען ניט טויגבאַרע פּאַטראָנעס, קוילנוואַרפער, וואָס שיסן ניט, גראַנאַטן, וואָס רײַסן זיך ניט אוף, ניט טויגבאַרע האַרמאַטן אאַז״ו. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען נאָך עטלעכע טעג צוריק, און אין 90 פאַלן פון 100 איז דאָס א שפּיציל בײַ די, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן פײַנט.

איבער די אינטריגעס פון די פײַנט פלעגן מיר פאַרלירן איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער... (אַפּלאָדיסמענטן פאַרהילכן דעם רעדנערס לעצטע ווערטער).

## די אַרמיי דאַרף שטענדיק זײַן אַקטיוו

מיר דאַרפן האָבן אַן אַרמיי, וואָס זאָל זיך שטענדיק געפינען אין קריגס־אָפּעראַציעס. עס טאָר ניט זײַן אַזאַ לאַגע, אַז אַף איינע פראָנטן שלאָגט מען אַף דעם סוינעס אָנגריף און מע נעמט אויך אונטער קאָנטר־אַטאַקעס, בעת אַנדערע פראָנטן האָבן די מיליטער־טיילן באַזשימאָלאָגן גאָרניט געטאָן, זײַנען געזעסן אין שוצגראָבנס, ניט דורכגעפירט קיין אַטאַקעס, אַפילע ניט געמאַכט קיין אויספּירונג קעגן דעם סוינע. דאָס טראָגט אַרײַן א דעמאָראַליזאַציע אין די מיליטער־טיילן און פאַרמינערט די מעגלעכקײַט פון אומגעריכטע אַטאַקעס מיצאַד דעם סוינע, וואָס ברענגען צו פאַרלירן וויכטיקע פּאָזיציעס. אויב דאָס איז אַרויסגערופן פון דעזאָרגאַניזירטקײַט, דאַרף מען אונטערציִען די פּאַסיווע טיילן, אויב דאָס איז אַרויסגערופן פון מאַנגל אין קאָמאַנדיר־פּערסאָנאַל, דאַרף מען אים פאַנאַנדערטיילן מער געניט. אויב דאָס איז אַרויסגערופן פון מאַנגל אין געווער, דאַרף מען עס ווידעראַמאָל פאַנאַנדערטיילן גלײַכמעסיקער. דאָס אַלץ דאַרף מען טאָן, אָבער טאָן קאָן דאָס נאָר אַן אייגהײטלעכע קאָמאַנדע. נאָר אַזוי ווערט אויסגעשמידט אַן אייגהײטלעכע מעכטיקע און עפעקטיווע אַרמיי. לאָמיר נעמען, צום בײַשפּיל, אונדזער אוקראַיִנע — דעם סאַמע אָרגאַניזירטן טייל פון אונדזער אַרמיי. זי איז דאָס

טאַמע עפּעקטיווע געווער פֿון דער אַרמיי, אַ מוסטער פֿון גרעסטן העראָיזם; אירע אָפּעראַציעס ברענגען דעם גרעסטן שאָדן דעם קעגנער. פֿאַרוואָס זאָלן די אַנדערע אַרמען מיליטער ניט נאָכמאַכן איר ביישפּיל?

אַ סאַך האָט מען גערעדט וועגן אונדזער פֿלאָט, און רעדנער האָבן זיך אײַנגעפּינען אַלערליי, וואָס האָבן געשטעלט אין ספֿק די שלאַכט-פֿייִקייט און דעם העראָיזם פֿון אונדזערע שיפֿסלײַט. דאָס איז אומגערעכט. אונדזערע שיפֿסלײַט באַווײַזן גאָר אָפֿט מוסטערן פֿון העלדנמוט, ווען מע גיט זיי אַ וועלכע-עס-איז שלאַכט-אויפֿגעבונג. אָבער ס׳איז פֿאַראַן אַ קלאָרער פֿאַקט: אונדזער פֿלאָט גיט ניט דאָס אַלץ, וואָס ער וואָלט געדאַרפֿט געבן. מע דאַרף אים פֿאַרוואַנדלען פֿון אַ פֿאַרטיידיקונגס-קראַפֿט אין אַן אָנגריפֿס-קראַפֿט. אונדז פֿעלן אויס קאָמאַנדירן און געוויינלעכע קרייזער, אָבער מע קאָן און מע דאַרף זיי אויסגעפֿינען. ס׳איז געווען גענוג צײַט דורכצופֿירן אַ רעאָרגאַניזירונג פֿון דעם פֿלאָט און בעסער אים אויסנוצן. דאָס איז ניט געמאַכט געוואָרן, און מע דאַרף דאָס טאָן גיך. מע טאָר דאָס ניט פֿאַרציִען אין לאַנגן באַנק, ווײַל מאָרגן קאָן שוין זײַן צו שפּעט. איינע פֿון אונדזערע גרונט-אַרבעטן באַשטייט אין אָרגאַניזירן די אַקטיווע מיטאַרבעט פֿון אַלע אַנטיפֿאַשיסטן צו לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם, די פּראָבלעם, וואָס אינטערעסירט אַלעמען.

## פֿאַרפֿעסטיקן אונדזער ברעגלאַנד

מע מוז פֿאַרפֿעסטיקן אונדזערע ברעגן און שאַפֿן אַ ברעג-שוץ. ס׳איז פֿאַר קיינעם ניט געווען קיין ספֿק, אַז די אַטאַקע אויף מאַלאַגע איז צוגעגרייט געוואָרן פֿון דער יאַבאַשע און פֿון ים און אַז די הויפּט-ראָלע אין אײַננעמען די שטאָט האָט געשפּילט אַן איטאַליענישער דעסאַנט. דאָס טאָר קיין צווייט מאָל ניט פֿאָרקומען. מע מוז אויפֿשטעלן פֿאָרטיפֿיקאַציעס אויף אונדזערע גרענעצן אין די אַנטשפּרעכיקע סטראַטעגישע פּונקטן, כּדי יעדער פּרוּוו פֿון אַ דעסאַנט פֿון פֿײַנטלעכע מיליטער-טיילן זאָל דעם סוינע קאָסטן אַ פֿלאָט-אײַנונג.

## פֿאַרשטאַרקן די אַקטיוויטעט אין דעם סוינעס הינטערלאַנד

מע דאַרף פֿאַנאַנדערוויקלען אַ מער אינטענסיווע טעטיקייט, כּדי צו דעמאָראַליזירן דעם סוינעס קויכעס. מע דאַרף פֿאַרשטאַרקן די פּראָפּאַגאַנדע אין זײַנע רייען. אַ סך סאָלדאַטן פֿון דעם לאַגער פֿון די בונטאָוושטשיקעס איז שוין אַריבער אַף אונדזער זײַט. צווישן די, וואָס די גענעראַלן די בונטאָוושטשיקעס האָבן מאָביליזירט, זײַנען פֿאַראַן ניט ווייניק אַנטיפֿאַשיסטן, וואָס וואַרטן אַף אַ גינסטיקן מאָמענט אַריבערצוגיין צו אונדז. דעריבער דאַרף מען אײַנצײַטיק מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון אונדזער פּראָפּאַגאַנדע גאַראַנטירן דאָס לעבן אַלע געפֿאַנגענע. מע דאַרף סטימולירן די אויסבילדונג פֿון פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, באַזונדערס פֿון פּויערים, וואָס האַלטן אָפּערירן אין דעם סוינעס הינטערלאַנד. שוין איצט זײַנען פֿאַראַן גרופּעס באַוואָפֿנטע מענטשן, וואָס האָבן בעסער געוואָלט אַוועקגיין אין די בערג, איידער אונטערוואַרפֿן זיך די פֿאַשיסטן. מע דאַרף זיך פֿאַרבינדן מיט די דאָזיקע גרופּעס, העלפֿן זיי מיט דערנערונג, מיט אַמוניציע און שיקן צו זיי מענטשן, וואָס זײַנען פֿעיִק אָנצופֿירן מיט זיי.

## אונדזער הינטערלאַנד דאַרף זײַן מער שלאַכטפֿעיִק

אונדזער הינטערלאַנד דאַרף זײַן מער שלאַכטפֿעיִק. עס איז אומדערלאָזבאַר, אַז איצט, ווען דער קאַמף פֿאָדערט אַזוינע קאָרבאָנעס, זאָלן זײַן אַזוי פֿיל פּאַסיווע און אויסווײַכנדיקע. מע דאַרף אָפּרייניקן דאָס הינטערלאַנד. כּדי אָפּצורייניקן דאָס הינטערלאַנד פֿון פּאַראַזיטן, איז ניט גענוג צוטרעטן צום אַרויסגעבן אַלע בירגער לעגיטימאַציעס. דער פּרינציפּ — ווער עס אַרבעט ניט, דער זאָל ניט עסן — דאַרף פֿאַרווירקלעכט ווערן אין דעם זין, אַז דער, וואָס העלפֿט ניט מיט זײַן אַרבעט צו פֿאַרגיכערן דעם ניצחון, דער זאָל ניט עסן.

# די שאפונג פונ א מעכטיקער מיליטערישער אינדוסטריע איז די וויכטיקסטע אקטועלע אופגאבע

אויב מיר ווילנ געווינענ די מילכאמע, — אונ אז מיר ווילנ זי געווינענ, צווייפלענ מיר ניט, — דארפנ מיר שאפנ א מיליטערישע אינדוסטריע, וואס זאל קענענ באזארגנ די פראנט מיט אלדאס נייטיקע. די פראבלעמ פונ שאפנ א מעכטיקע מיליטערישע אינדוסטריע קאנ אונ דארפ געלייזט ווערנ, אונ געלייזט ווערנ גיכ. מע דארפ איינפירנ פלאנמעסיקייט אינ דער פראדוקציע, אויסלעבנ די אומארדענונג אונ דעמ כאאס.

אינ ביסקײַע, אינ קאטאלאניע אונ אינ לעוואנט איז פאראנ גענוג אונטערנעמונגענ, וואס ארבעטנ שוינ אויפ קריגס-אמוניציע, אבער זיי ארבעטנ ניט קאארדינירט. עס ווערנ געבויט נייע אונטערנעמונגענ, אבער מע קאנ זיי בויענ נאכ מער. קעדיי צו זיכערנ די מאקסימאלע פארגרעסערונג פונ דער מיליטערישער פראדוקציע, דארפ מענ שאפנ, אויב עס וועט זיכ פאדערנ, א ספעציעל מיניסטעריומ, וואס זאל זיכ פארנעמענ מיט דער דאזיקער פראגע. מע טאר ניט איבערקרעכצנ אונ אכצנ וועגנ דער אומגערעכטיקייט פונ דער איזאליאציע, אפ וועלכער די דעמאקראטישע לענדער האבנ אונדז פארורטיילט. אנשטאט דעמ דארפ מענ מאכנ ערנסטע אנשטרענגונגענ צו לאזנ אינ גאנג אלע אונדזערע נאציאנאלע רעסורסנ.

## פאר אנ איינהײַטלעכער מיליטערישער אינדוסטריע

אונדזער פארטיי רוקט ארויס די פראבלעמ פונ אנ איינהײַטלעכער מיליטערישער אינדוסטריע, ווײַל דאס איז איינע פונ די אנטשיידנדיקסטע באדינגונגענ פונעמ ניצאכנ. די פראלעטארישע ארגאניזאציעס, דער אלגעמיינער ארבעטער-פארבאנד אונ אינ א היפשער מאס די נאציאנאלע ארבעטס-קאנפעדעראציע באנעמענ קלאר די נייטיקייט פונ מיטארבעטנ אונ ארבעטנ צו שאפנ א מעכטיקע מיליטערישע אינדוסטריע, אבער מע דארפ קאארדינירנ די אלע אנשטרענגונגענ אונ סטימולירנ די שעפערישע פייקייטנ פונעמ פאלק. לויט דער אייגענער איניציאטיוו פונ די

ארבעטער פון קאטאלאָניע, פון ביסקײַע, פון לעוואנט ווערט שוין פּראָדוצירט קריגס־אמוניציע. אין מאדריד איז דער ענטוזיאזם און דער קאמפגײַסט פארשפּרייט געוואָרן פון די שוצגראָבנס אף די פאבריקן און די זאוואָדן.

מע קאָן פארצײכענען א רײ אונטערנעמונגען, וואָס ארבעטן איצט געווער, וו די פּראָדוקציע איז געשטיגן אף 50 פּראָצענט און אפילע אף 100 פּראָצענט, נאָך דעם ווי עס זײַנען אָרגאניזירט געוואָרן שלאָגבריגאדעס און עס איז פאנאנדערגעוויקלט געוואָרן דער סאָצגעוועט צווישן די ארבעטער. מיר האָבן שוין אף אונדזערע פאבריקן „סטאַכאנאָווצעס פון דער מיליטערישער אינדוסטריע". מיר האָבן יונגע ארבעטער, וואָס זייער אויסארבעטונג שטײַגט איבער אין דרײַ מאָל די פריערדיקע נאָרמעס. אָט, צום בײַשפּיל, אורבאנאָ ראַמאָס, אן ארבעטער אף איינעם פון די מיליטערישע זאוואָדן, גיט אין איין וואכטע 790 דעטאלן בא א נאָרמע פון 250 שטיק. די דאָזיקע איניציאטיוו, דעם דאָזיקן ענטוזיאזם דארף מען אָרגאניזירן קעדיי צו שאפן גיך א מעכטיקע מיליטערישע אינדוסטריע. די זאוואָדן דארפן ארבעטן, אויב דאָס איז נייטיק, ניט 8, 10, 12 שאָ, נאָר 24 שאָ אין מעסלעס, אין דרײַ וואכטעס.

די צענטראלע רעגירונג און די רעגירונג פון קאטאלאָניע און פון ביסקײַע דארפן פארשטיין, אז מיר דארפן האָבן ניט בלויז אן איינהייטלעכע ארמיי און אן איינהייטלעכע קאָמאנדע, נאָר אויך א צענטראליזירטע מיליטערישע אינדוסטריע, וואָס זאָל קאָנען באזאָרגן די פאלקסארמיי אף אלע פראָנטן מיט דער נייטיקער באוואָפענונג.

## אופמערקזאמקייט דעם דאָרף!

אונדזער פארטיי האָט שטענדיק פארטיידיקט די אינטערעסן פונעם פויערטום. אונדזער פארטיי האָט די ערשטע אופגעהויבן די שטים פון פּראָטעסט קעגן די ווילדקייטן, וועלכע עס זײַנען באגאנגען אין דאָרף די אזויגערופענע „קאָנטראָלאָרן" עלעמענטן. אזאנק אונדזער פּאָליטיק האָט זיך דער פויער געקאָנט איבערצײַגן אין דער פּראקטיק, אז דער שטאָטישער ארבעטער איז זײַנער א פארבינדעטער און אן אָנפירער.

מיר אלע געדענקענ די אטאקעס, וואס מע האט געפירט קעגנ אונ=דזערע כאווירימ, וועלכע מע האט באשולדיקט אינ א „שווערנ פאר=ברעכנ“ — אינעמ פארלאנגענ צו ארגאניזירנ די פויערימ, קעדיי צוציענ זיי צו דער פ א ל י ט י ק פונעמ פאלקס=פראנט, צומ אנטיילנעמענ אינ דער מילכאמע. עמעצ=ווער האט געהאלטנ, אז קיינ פויערימ איז מער ניטא און אז מיר ניצנ זיי אויס בלויז צוליב דעמ, קעדיי ארגאני=זירנ פויערישע פעדעראציעס אונ צעשפאלטנ די פעדעראציע פונ די ערד=ארבעטער, מע האט אונדז באשולדיקט, אז דערמיט, וואס מיר אנער=קענענ דאס אייגנטומ=רעכט פונ די פויערימ אפ ערד, ווילנ מיר ווידער אויפשטעלנ אייגנטומ. אונדזער כאווער מאטיי, דעמ אומדערמידלעכנ קעמפער פארנ ארגאניזירנ די פויערימ, האט מענ געדראעט מיט טויט פאר זיינ ענערגישער ארבעט צווישנ דעמ פויערטומ, אונ א סאכ אונד=זערע כאווירימ האבנ ווירקלעכ געלייגט זייערע קעפ אינעמ קאמפ פאר דער פארטיידיקונג פונ די אינטערעסנ פונעמ פויערטומ.

אבער טראצ דער לענינישער טעאריע, וואס לערנט, אז די ארבעטנ=דיקע פויערימ זיינענ די נאטירלעכע פארבינדעטע פונעמ פראלעטאריאט, איז אונדזער פארטיי ניט אפגעטראטנ פאר די שוועריקייטנ אונ פאר דער פראוואקאציע. זי האט ווייטער געשאפנ פויערישע ארגאניזאציעס. טראצ דער פאליטיק פונ אייגנהייט, האבנ מיר פארגעלייגט איינשליסנ די פויערישע ארגאניזאציעס אינ דער פעדעראציע פונ די ערדארבעטער. מיר האבנ געפאדערט קאנפיסקירנ דעמ פארמעגנ פונ די גרויסע ערד=באזיצער, וואס זיינענ פיינט פונעמ פאלק. נאכ דעמ ווי כ' אוריבע איז אריינ אינ דער רעגירונג פונעמ פאלקס=פראנט, איז פארעפנטלעכט גע=ווארנ א דעקרעט וועגנ איבערגעבנ די ערד די פויערימ.

די רעפובליק האט געגעבנ דעמ פויער ערד, אונ ער מוז באשיצנ די רעפובליק אפנ פראנט אונ אינ הינטערלאנד. מע דארפ פעסטיקנ די פעדעראציע פונ פריינטשאפט צווישנ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אונ די פויערימ דורכ ארגאניזירנ איינע אינ פראפאריינגנ אונ די אנדערע אינ פראדוציר=קאאפעראטיוו. מע דארפ שאפנ אינ דארפ קאמיטעטנ פונ פארבינדונג, וואס זאלנ פארבעסערנ די אנפירונג מיט דער גאנצער פויערישער באוועגונג. מע דארפ סטימולירנ דעמ וווקס פונ דער לאנד=ווירטשאפטלעכער פראדוקציע. דער מיניסטער פונ ערדארבעט אונ די

רעגירונג האָט סטימולירן די פּראָדוקציע פֿון אזויגע קולטורן, ווי ווייץ, רייז, קאַרטאָפֿל און גערטנוואַרג דורך אײַנשטעלן פֿעסטע פּרײַזן, וואָס זאָלן זײַן רענטאַבל פֿאַר די פּויערים. מע דאַרף אויך אָרגאַניזירן א ברייטע קרעדיטירונג פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, קעדיי צו פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקטיווקייט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט.

מע דאַרף קעמפֿן מיטן אַלע מיטלען קעגן די לײַכטזיניקע עלע-מענטן, וואָס מיט זייערע אומבאַוווסטזיניקע מעשׂים אומרו אין דאָרף און רופֿן אַרויס אומצופֿרידנקייט צווישן די פּויערים, אונדזערע בעסטע פֿאַרבינדעטע (א פֿ ל אָ ן י ס מ ע נ ט ן).

## פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונעם פֿאָלקס-פֿראָנט, פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער אײנהייט פֿונעם שפּאַנישן פֿאָלק!

מיר שטיצן די רעגירונג פֿונעם פֿאָלקס-פֿראָנט אינעם פֿאַרווירק-לעכן די גרונט-אויפֿגאַבן, וואָס זײַנען פֿאַר איר געשטעלט געוואָרן.

די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער רעגירונג, איז: ר ײ נ י ק ן  ד י  א ר מ ײ, ש א פֿ ן  ר ע ז ע ר װ ן, א ײַ נ ש ט ע ל ן  א ן  א ײ נ ה ײ ט ל ע כ ע  ק אָ מ א נ ד ע  א ו ן  אָ ר ג א נ י ז י ר ן  א  מ ע כ-ט י ק ע  מ י ל י ט ע ר י ש ע  א י נ ד ו ס ט ר י ע.

מיר פֿאָדערן קאַטעגאָריש אויספֿילן די דאָזיקע אויפֿגאַבן. אונדזער ענערגיע האָט געבראַכט דערצו, אַז איינציקע אָרגאַניזאַציעס, נאָענטע צו אונדז, און אַפֿילו דער פּאַרזיצער פֿונעם מיניסטאָרן-ראַט האָבן אונדז עטלעכע מאָל גערופֿן „צו אָרדענונג". מענטשן ווילן ניט זען, ווילן ניט פֿאַרשטיין, אַז אונדזער אײַנגעשפּאַרטקייט באַזירט זיך אויף דער טיפֿער איבערצײַגונג, אַז אויב מיר וועלן ניט לייזן גיך די דאָזיקע אויפֿגאַבן, וועט געשטעלט ווערן אין געפֿאַר דער אויסגאַנג פֿון דער מילכאָמע, כאָטש עס זײַנען פֿאַראַן אַלע באַדינגונגען פֿאַרן ניצחון. אין צוזאַמענ-האַנג מיטן באַהאַנדלען די דאָזיקע פֿראַגן, האָט עמעצ-ווער געפּרוווט דערווײַזן, אַז מיר ווילן עפּעס טאָן קעגן דער רעגירונג. שלעכט קענען אונדז די, וואָס באַהויפּטן דאָס! אונדזער פּאַרטיי האָט אויסגעשמידט דעם פֿאָלקס-פֿראָנט, זי האָט געשטיצט און שטיצט די רעגירונג פֿונעם

פאָלקס-פראָנט, אונ איר הויפּט דעמ כ' לארגאָ קאבאליערא.[1] אָבער אונדזער פארטיי, וואָס פירט דורכ א דייטלעכע פּאָליטישע ליניע, וואָס וויל ניט לייכטזיניקנ באציִונג זיכ צו די אינטערעסנ פונ די פאָלקס-מאסנ, קאָנ ניט קולטיווירנ קיינ בלינדנ צוטרוי, קיינ בלינדע געהאָרכזאמקייט צו א פערזענלעכקייט. זי באנוצט ניט די פירער.

ווענ אונדזער פארטיי טרעט ארויס מיט א וועלכנ-עס-איז פארשלאָג אָדער מיט קריטיק, וויל זי דערמיטנ נאָר פאַריכטנ דאָס, וואָס דארפ לויט אונדזער מיינונג געענדערט ווערנ. בײַ די אָרגאניזאציעס פונעם פאָלקס-פראָנט, בײַ די רעגירונג פונעם פאָלקס-פראָנט דארפנ ניט קולטיווירט ווערנ קיינ בלינדע געהאָרכזאמקייט צו די אָדער יענע פערזענלעכקייט. ווי האָבנ זיכ דערשלאָגנ, אז עס זאָל איינגעשטעלט ווערנ א דיסציפּלינ, פאָדערנ דורכפירנ אינ לעבנ די באשלוסנ פונ דער רעגירונג, פאָדערנ, אז די ראָזיקע באשלוסנ זאָל אָנעמענ דער מיניסטאָרנ-ראט קאָלעקטיוו. ס'איז נייטיק, אז אָנעמענדיק דעמ אָדער יענעמ באשלוס, זאָל די רעגירונג נעמענ אינ אכט די פארשלאָגנ פונ די אָרגאניזאציעס, וועלכע שטיצנ די רעגירונג פונעם פאָלקס-פראָנט. טאקע דערפאר, וואָס דער פאָלקס-פראָנט איז א בונד פונ פארשיידענע פּאָליטישע פארטייענ אונ אָרגאניזאציעס, דארפ מענ נאָכקוקנ, אז עס זאָל ניט געשטיקט ווערנ די איניציאטיוו פונ קיינ איינער פונ די ראָזיקע אָרגאניזאציעס, מע דארפ זיכ אופמערקזאמ צוהערנ צו יעדער באמערקונג, סטארענ זיכ באפרידיקנ די פאָדערונגענ פונ די מאסנ.

וואָס עס זאָל ניט זײַנ, מוז מענ אײַנהיטנ דעמ פאָלקס-פראָנט. וואָסערע שוועריקייטנ עס זאָלנ ניט שטיינ אפ אונדזער וועג, וועט די קאָמוניסטישע פארטיי פארזעצנ ווײַטער אפנ סאמע ענערגישנ אויפנ פארטיידיקנ דעמ פאָלקס-פראָנט אונ זײַנ מאכט — די געזעצלעכע רעגירונג. אונדזער פארטיי וועט קיינעמ ניט דערלויבנ צו פארמעסטנ זיכ אומבאשטראָפט אפנ בונד פונ די אנטיפאשיסטישע קויכעס. אונדזער דעוויז איז: „איינִיקונג איצט צו זיכערנ דעמ ניצחונ, אונ איינִיקונג נאָכ-

1 די ראָזיקע רעדע איז געהאלטנ געוואָרנ, איידער עס זײַנענ פאָרגעקומענ די בארסעלאָנער געשעענישנ, ווענ לארגאָ קאבאליערא איז נאָכ געווענ פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרנ-ראט פונ דער שפּאנישער רעפּובליק — ר ע ד.

דעמ קעדיי אַראָפּצונעמענ די פּרוכט פונעמ ניצאָכנ". ווער עס פּרווט צעשלאָגנ די אײנהײט פונעמ פאָלקס-פראָנט, ווער עס פּרווט צעשלאָגנ די אײנהײט פונעמ שפּאַנישנ פאָלק, וואָס קעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקײט פונ שפּאַניע,—דער העלפט אונדזערע סאָנימ באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק.

פאַר אײנוועגס וויל איכ זאָגנ, אַז אונדזער פּאָזיציע בענוגע דעמ פאָלקס-פראָנט אונ דער שפּיצע פונ דער רעגירונג צווינגט אונדז קעמפנ קעגנ אײניקע זײער געפערלעכע טענדענצנ.

## צי איז מעגלעכ א רעגירונג פונ א פּראָפּאַרײנישנ טיפּ? אינ קײנ פאַל ניט!

עס גײענ אַרומ קלאַנגענ, אַז אינ צוזאַמענהאַנג מיט די אונטערהאַנדלונגענ צווישנ דעמ אַרבעטער-פאַרבאַנד אונ דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער-קאָנפעדעראַציע וועגנ אײנהײט איז פאַראַנ א פּלאַנ צו אויפהײבנ די פראַגע וועגנ בילדנ א רעגירונג פונ א פּראָפּאַרײנישנ טיפּ. וואָס וואָלטנ געווענ די רעזולטאַטנ פונ דער שאַפונג פונ א רעגירונג פונ אַזא טיפּ?

די רעזולטאַטנ וואָלטנ געווענ קאַטאַסטראָפאַלע.

א רעגירונג פונ א פּראָפּאַרײנישנ טיפּ וואָלט באַטײט צערײסנ דעמ פאָלקס-פראָנט, שוינ ניט רײדנדיק וועגנ צערײסנ די אײנהײט פונעמ שפּאַנישנ פאָלק. די טענדענצ צו שאַפנ א פּראָפּאַרײנישע רעגירונג איז פאַרורטײלט אויפ באַנקראָט. איכ מײנ ניט, אַז עמעצער האָט אויפ אַזויפיל פאַרלאָרנ דעמ קאָפּ, אַז ער זאָל וועלנ קעמפנ קעגנ דעמ ניצאָכנ. א רעגירונג פונ א פּראָפּאַרײנישנ טיפּ איז א זעלבסטמאָרד. ס'איז אויסער צווײפל, אַז דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט אָנגעהויבנ פירנ א קאַמפ קעגנ די, וואָס ווילנ צעשטערנ זײנ אײנהײט, וואָס איז די נײטיקע פאָרהאַנאָכע פונעמ ניצאָכנ.

דאָס פאַראַנענזײנ פונ טענדענצנ צו שאַפנ א רעגירונג פונ א פּראָפּאַרײנישנ טיפּ ווערט באַשטעטיקט מיט דעמ אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט דעמ 3-טנ מאַרט 1937 אינ דער צײטונג „קלאַרידאַד“. אינ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל ווערט געזאָגט אַזוי:

„אינ וואלענסיע ווערנ געפירט דערפאָלגרייכע אונטערהאנדלונגענ צווישנ דעם אויספיר-קאָמיטעט פונעם אלגעמיינעם ארבעטער-פארבאנד אונ דעם נאציאָנאלנ קאָמיטעט פונ דער נאציאָנאלער ארבעטס-קאָנפעדעראציע. דער מיינונגס-אויסטויש איבער קאָנקרעטע פראגנ באקומט יעדעס מאָל אנ אלץ גרעסערע באדייטונג, אונ אויב אינ ריינ פאָליטישנ געביט הערשט א פלאָנטער אונ א כאאָס, ווערנ אינעם פראָפאריינישנ געביט אָנגעמערקט מאָמענטנ, וואָס קאָנענ ברענגענ צו אנ ענדגילטיקער אונ גיכער לייזונג פונ דער איצטיקער סיטואציע".

ווי איר זעט, אויב מע זאָל גלייבנ דער צייטונג „קלארידאד", ווייזט זיכ ארויס, אז אינ לאנד הערשט א כאאָס אונ אז די פראָפאריינענ זיינענ בארופנ צו באפרייענ אונדז דערפונ. מיט וואָס אונטערשיידט זיכ די דאָזיקע איינשטעלונג פונ דער איינשטעלונג פונ די אנארכיסטנ? מיט גאָרניט. אזא שטאנדפונקט באטייט אָפּזאָגנ זיכ פונ די סאָציאליסטישע פרינציפּנ, פארגעסנ די סאָציאליסטישע טראדיציעס פונ פאבלאָ איגלעסיאס, וואָס האָט געקעמפט פאר דער שאפונג פונ דער פאָליטישער פארטיי פונעם פראָלעטאריאט אונ האָט ניט איינ מאָל אָנגעוויזנ אפ דער ראָליע פונ די פאָליטישע פארטייענ אינעם לעבנ פונ די פעלקער, אלס אָרגאנענ, וועלכע ריכטנ אונ פירנ אָנ מיט די מאסנ. איכ בינ זיכער, אז 99 פראָצענט פונ די כאוויירימ סאָציאליסטנ וועלנ זיכ ארויסזאָגנ קעגנ דער אזוי-גערופענער פראָפאריינישער רעגירונג, ווייל אזא מינדערהייטס-רעגירונג וועט ניט האָבנ די שטיצע פונ די ברייטע מאסנ, אונ דאָס וואָלט באטייט א מיליטערישע מאפאָלע.

## צו זיכערנ דעם ניצאָכנ דארפ מענ האָבנ די שטיצע פונ די מאסנ

א רעגירונג פונ א פראָפאריינישנ טיפּ וואָלט ניט געהאט די שטיצע פונ די ברייטע מאסנ, ווייל די איבעריקע קויכעס פונעם פאָלקס-פראָנט וואָלטנ געבליבנ אויסנ. זי וואָלט אויפגעהערט צו זיינ א דעמאָקראטישע פארלאמענטארישע רעגירונג אונ וואָלט פארוואנדלט געווארנ אינ א בונטע, וואָס געפינעט זיכ אינ די הענט פונ דעם אלגעמיינעם ארבעטער-פארבאנד אונ דער נאציאָנאלער ארבעטס-קאָנפעדעראציע, וואָלט זי עפּשער

סוביעקטיוו געקאָנט זיכ רעכענענ פאר א רעוואָליוציאָנערער, אָבער לויט איר אינהאלט, וואָלט דאָס געווענ א רעגירונג, וואָס אנטשפרעכט ניט די אינטערעסנ פונ דער רעוואָליוציע, ווייל אזא רעגירונג וועט ניט האָבנ די שטיצע פונ דער גאנצער באפעלקערונג, אונ בא אזא בלוטיקער מילכאָמע, ווי אונדזערע, מוז מענ האָבנ די שטיצע פונ אלעמענ, קעדיי צו זיגנ.

איכ דערקלער פונ דער דאָזיקער טריבונע: איידער מע באגייט אזא שריט דארפ מענ אימ דורכטראכטנ. איכ בינ זיכער, אז די, וואָס וועלנ אונטערנעמענ אזא פרווו, וועלנ בלייבנ איינזאמ. איכ בינ זיכער, אז דער אויספיר-קאָמיטעט פונעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-פארבאנד, וואָס באשטייט פונ סאָציאליסטנ, קאָנ אָבער ניט אינעמ נאָמענ פונעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-פארבאנד שאפנ זיכ מיטנ גורל פונ דער אָרגאניזאציע קעגנ דעמ ווילנ פונ דער קאָלאָסאלער מערהייט פונ אירע מיטגלידער. דער אלגעמיינער ארבעטער-פארבאנד איז א פראָפפאריינישע ארבעטער-אָרגאניזאציע, וואָס באשטייט פונ כאווייריט סאָציאליסטנ, קאָמוניסטנ, רעפובליקאנער, קאטוילישע אונ אומפארטייישע ארבעטער, אונ איכ בינ פעסט זיכער, זאָג איכ נאָכאמאָל, אז 95 פראָצענט מיטגלידער פונעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-פארבאנד וועלנ ניט זיינ איינשטימיק מיט דער שאפונג פונ א רעגירונג פונ א פראָפפאריינישנ טיפ. מיר אלע פארשטייענ די נייטיקייט צו פארפעסטיקנ די איינהייט פונ טאט צווישנ דעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-פארבאנד אונ דער נאציאָנאלער ארבעט-קאָנפעדעראציע. מיר זיינענ פאר שאפנ אנ איינהייטלעכנ פראָפפאריינישנ צענטער, אָבער מיר דערוויידערנ קעגנ בילדנ א רעגירונג פונ א פראָפפאריינישנ טיפ.

מיר ווילנ ניט פארשפילנ די מילכאָמע, ווענ מיר האָבנ אינ לאנד די נייטיקע מענטשנ-רעסורסנ אונ מאטעריעלע רעסורסנ, וואָס ווענ מע זאָל זיי ראציאָנעל אויסנוצנ, קאָנענ זיי אונדז זיכערנ דעמ ניצאָכנ. דעריבער, כאווייריט, דארפ מענ זיינ אפ דער וואכ. אונדזער פארדאכט ווערט באשטעטיקט ניט נאָר דורכ דעמ ארטיקל אינ „קלארידאד", וואָס איכ האָב ציטירט, נאָר אויכ דורכ איייניקע אונטערהאנדלונגענ. איכ רופ אונדזער פארטיי צו פארזיכטיקייט אונ איכ לייג פאָר וואָרענענ די אָנפירנדיקע אָרגאנענ פונעמ אלגעמיינעמ ארבעטער-פארבאנד, איבערצייגנ זיי, אז מע טאָר ניט ארויסטרעטנ אפנ וועג פונ שאפנ א רעגירונג פונ א פראָפפאריי-

נישנ טיפ, ווײַל איצט איז אומדערלאָזבאר ניט וואָס אראָפּרײַסנ, נאָר אפילע אינ גאָר א מינימאלער מאָס אָפּשוואכנ די אײנהײט פונ די אנ־טיפאשיסטנ.

מיר דארפנ איצט טראכטנ וועגנ פארפעסטיקנ מיט אלע מיטלענ דעמ פאָלקס־פראָנט אונ די אײנהײט פונעמ שפאנישנ פאָלק, אונ דער, וואָס וועט וועלנ צעברעכנ די דאָזיקע אײנהײט, דעמ וועלנ די העראָישע קעמ־פער פאר דער פרײַהײט פונ שפאניע פארשטעמפלענ אלס א פײַנט פונ אונדזער זאכ (אויסרופנ פונ צושטימונג, אפלאָדיס־מענטנ).

## לאָמיר פארפעסטיקנ די פעדעמ פונ אײנהײט!

אײנהײט איז דער גרונט־באדינג פונ ניצאָכנ אינעמ איצטיקנ קאמפ. זײַנענ פאראנ די נײטיקע באדינגונגענ פאר אזא אײנהײט? יאָ, זײ זײַנענ פאראנ. אלע אנטיפאשיסטישע פארטײענ אונ אָרגאניזאציעס זײַנענ דער־מיט אײנשטימיק; אז אונדזער פארטײ ליגט דער בווו צו טאָנ אלצ, אז די דאָזיקע אײנהײט זאָל אלצ מער אונ מער פארשטארקט ווערנ. דער־גרײכנ דאָס קאָנ מענ אונ מע דארפ.

לאָמיר זענ, וואָס פארא קעגנזײַטיקע באציִונגענ מיר האָבנ מיט די פארשײדענע אָרגאניזאציעס, וואָס גײענ ארײַנ אינעמ פאָלקס־פראָנט, אונ פריִער פאר אלצ מיט די באוויירים סאָציאליסטנ.

## אונדזערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ מיט די סאָציאליסטנ

די באציִונגענ צווישנ דער סאָציאליסטישער פארטײ אונ דער קאָמו־ניסטישער פארטײ זײַנענ איצט אזוינע, אז עס שטעלט זיכ די פראגע וועגנ שאפנ א אײנהײטלעכע פארטײ פונעמ פראָלעטאריאט. דאָס דאר־פ ווערנ אונדזער וועגווײַזנדיקער שטערנ, אונדזער קאָמפאס. אָבער קעדײ אונדזער אײנהײט זאָל ניט געבראָכנ ווערנ, דארפ זי זיכ באזירנ אפ אי־דעאָלאָגישער אונ טאקטישער אײנהײט. אונ צוליב דעמ דארפ מענ אײַנ־שטעלנ א שטענדיקע אײנהײט פונ אקציעס, קעדײ צו לײזנ די הײנטיקע אויפגאבנ, אינ דער ערשטער רײ די גרונט־אויפגאבע — די גיכסטע זיכע־רונג פונעמ ניצאָכנ.

הײנט איז די אנטשײדנדיקסטע פראגע די אײנהײט פון אקציעס אױפן פראָנט און אין הינטערלאנד. דאָס שאפט די גײַסטיקע באדינגונגען צום איבערגײן שפּעטער צו א צונױפגיסונג. דאָס אײנשטעלן די אײנהײט פון מאסן פאָדערט צו ענדערן די געדיכטע אטמאָספער, װאָס האָט זיך גע־שאפן די לעצטע צײט ארום אונדז. אונדז באשולדיקט מען, אז מיר פאר־נעמען זיך קלױמערשט מיטן „כאפן נעשאָמעס" אױף כעזשבן פון די סאָ־ציאליסטן און די מיטגלידער פון די אנדערע פּראָלעטארישע אָרגאניזא־ציעס. אין אונדזער פארטײ גײען װירקלעך ארײן צענדליקער טױזנטער נײע מיטגלידער, אָבער זײ קומען פרײװיליק און באװוסטזיניק; זײ ציען צו אונדזער פּאָליטישע ליניע און די מעסירעס־נעפעשדיקײט פון אונדזערע פארטײ־מיטגלידער. מיר װערבירן זײ ניט מיט אלערלײ טריקן, נאָר מיר האלטן זיך בײַם ח׳ דימיטראָװס אָנװײזונגען אױפן VII קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן, אז מע דארף „מיט טאָגטעגלעכער מאסן־ארבעט און מיט א ריכטיקער פּאָליטיק פארדינען, געװינען דעם צו־טרױ פון די ארבעטער־מאסן".

די נײע פארטײ־מיטגלידער, װאָס גײען צו אונדז, טרעטן ארײן אין אונדזערע רײען ניט װײל מע פארפירט זײ מיט צװאַנג אָדער מיט פער־זענלעכע פּריװילעגיעס: מיר גיבן זײ ניט קײן פערזענלעכע פּריװילע־גיעס און מיר קאָנען דאָס ניט געבן. פארקערט, זײ װײסן, אז אין אונ־דזערע רײען שטײט זײ פאָר א קאמף, װאָס איז פארבונדן מיט קאָרבא־נעס.

װאָס פאָדערט אונדזער פארטײ פון אירע מיטגלידער? זי פאָדערט פון זײ, אז אױף דער פײַער־ליניע זאָלן זײ זײן די סאמע דיסציפּלינירטע, די סאמע שלאכטפעיִקע, די סאמע העלדישע; זײ זאָלן שאפן שלאָג־גרופּן און זאָלן זיך די ערשטע װארפן אין דער ברעש, װאָס דער סױנע האָט דורכגעשלאָגן, אז אין אטאקע זאָלן זײ שטענדיק זײן פאָרױס, כאָטש זײ װעלן מוזן ברענגען די גרעסטע קאָרבאָנעס; זײ זאָלן קײנמאָל ניט אָפּ־טרעטן, זײ זאָלן מיט זײער בײשפּיל באגײסטערן די איבעריקע; זײ זאָלן זײן די סאמע ארבעטזאמע און די סאמע ניט עגאָיסטישע אױפן פראָ־ציר־פראָנט. אָט דאָס פאָדערן מיר פון די מיטגלידער פון אונדזער פאר־טײ! מיר פאָדערן פון זײ, זײ זאָלן שאפן שלאָג־בריגאדעס, זײ זאָלן ארבעטן ניט 6 שאָ צו 8 שאָ, נאָר 10, 12, 14 שאָ אין מעסלעס, און

ביכלאל אזויפיל שא, וויפל מע דארפ האָבנ צו זיכערנ דעמ פראָנט מיט א גענוגנער צאָל קריגס־מאטעריאלנ; זיי זאָלנ זײַנ די סאמע שרעק־לאָזע אונ די סאמע וואכזאמע אינ הינטערלאנד; זיי זאָלנ פארפאָלגנ די ספעקולאנטנ, די, וואָס ווילנ לעבנ אפנ כעזשבנ פונעמ בלוט פונעמ פאָלק; זיי זאָלנ פארטיידיקנ די פרויענ אונ די קינדער פונ די קריגער; זיי זאָלנ געבנ הילפ בײַמ די באָמבארדירונגענ; אלע זייערע געדאנקענ, זייערע גאנצע זאָרגנ זאָלנ זײַנ געווענדט צו זיכערנ דעמ ניצאָכנ. אונ אויב בא די אלע פאָדערונגענ גייענ אינ אונדזער פארטיי די בעסטע זינ פונעמ פאָלק, איז דאָס דערפאר, ווײַל זיי ווילנ ווירקלעכ קעמפנ אונ זײַנענ גרייט צו ברענגענ קאָרבאָנעס, אָבער קלאָר ניט דערפאר, וואָס זיי האָפנ עפעס געניסנ דערפונ.

די פרווונ צו באשולדיקנ אונדז אינ „מאכנ געשעפטעס" אפנ כעזשבנ פונ די סאציאליסטנ אונ אנדערע מיטגלידער פונ די פראָלעטארישע אָרגאניזאציעס זײַנענ ניט באגרינדעט. מע טאָר ניט פארגעסנ, אז דער סוינע ווענדט אָנ אלערליי מיטלענ ארײַנצוטראָגנ דעמאָראליזאציע אינ אונדזערע רייענ, אָנצומאכנ מאכלויקעס אינ די רייענ פונ די אנטי־פאשיסטנ.

די קאָמוניסטישע פארטיי, ניט נאָר זי גייט ארײַנ אינ פאָלקס־פראָנט, נאָר זי איז דער זיכערסטער אָנהענגער זײַנער.

## אונדזערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ מיט די אנארכיסטנ

אונדזערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ מיט די באוווּסטע אנארכיסטנ, רע־רונטער אויכ די אָרגאניזאציאָנעלע קעגנזײַטיקע באציִונגענ זײַנענ באדײַ־טנדיק פארבעסערט געוואָרנ. די דעקלאראציע, וואָס איכ אונ כ' וואס־קעס האָבנ אונטערגעשריבנ אינ נאָמענ פונ אונדזערע אָרגאניזאציעס, האָט מיטגעהאָלפנ אײַנצושטעלנ האַרציקע באציִונגענ צווישנ די מיטגלידער פונ בײדע פארטייענ. אָבער דאָס איז ניט גענוג. מע דארפ נאָכ מער פארפעסטיקנ די פעדעם פונ פרײַנטשאפט, ווײַל די אנארכיסטנ זײַנענ אונדזערע ברידער, א טייל פונ אונדזער קלאס, ווײַל מיר קעמפנ פאר גע־מיינזאמע אינטערעסנ. אונדזערע סאָנים לאָזנ פאנאנדער קלאנגענ, אז צווישנ די קאָמוניסטנ אונ די אנארכיסטנ זײַנענ אומפארמײַדלעכ בלוטיקע צוזאמענשטויסנ אונ אז עס וועט זיכ אומפארמײַדלעכ שטעלנ די פראגע

ווער וועמענ. מע מוז דערקלערנ, אז די, וואָס פארשפרייטנ אזוינע קלאַנגענ, זײַנענ אונדזערע סאָנימ אונ סאָנימ פונ די כאוויירימ אנארכיסטנ (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ).

מיר ווילנ ענג מיטארבעטנ מיט די אנארכיסטנ, ניט נאָר בײַמ דער מילכאָמע, נאָר אויכ נאָכ דעמ ניצאָכנ. הײַנט — צו געווינענ די מילכאָמע, מאָרגנ — קעדיי אויפצובויענ צוזאמענ מיט זיי די נײַע שפאניע, — די גרויסע, פרײַע אונ גליקלעכע שפאניע.

מיר קעמפנ, מיר זײַנענ זיכער, אז צוזאמענ מיט אונדז וועלנ אויכ קעמפנ די אנארכיסטנ קעגנ די „קאָנטראָללאָזע“ גרופנ, וואָס ווילנ אינ נאָמענ פונ די אנארכיסטנ אָנבינדנ איבערגוואלד זייער הערשאפט. א סאכ „קאָנטראָללאָזע“ גרופנ באנוצנ זיכ מיטנ נאָמענ אנארכיסטנ, אָבער עס וואָלט געווענ פאלש צושרײַבנ דער נאציאָנאלער ארבעט-קאָנפעדעראציע די ווילדקײַטנ, וואָס די „קאָנטראָללאָזע“ עלעמענטנ באגייענ. מיר ווילנ דאָ דערמאָנענ, וואָס כ' דימיטראָוו האָט געזאָגט, ווענ ער האָט גערעדט וועגנ וואנ-דער-ליובע:

„ווער איז וואנ-דער-ליובע? א קאָמוניסט? אבסאָליוט ניט. אנ אנארכיסט? ניינ! ער איז א דעקלאסירטער ארבעטער, ער איז א לומפּנ-פּראָלעטאריער, וואָס בונטעוועט, א באשעפעניש, וואָס מע האָט מיט איר מיסגעברויכט, וואָס מע האָט זי אויסגענוצט קעגנ דעמ ארבעטער-קלאס. ניינ, ער איז ניט קיינ קאָמוניסט! ער איז ניט קיינ אנארכיסט. קיינ איינ קאָמוניסט אינ דער וועלט, קיינ איינ אנארכיסט, וועט זיכ ניט פירנ אפנ געריכט אזוי, ווי וואנ-דער-ליובע פירט זיכ. עכטע אנארכיסטנ באגייענ אומזיניקע מײַסימ, אָבער אפנ געריכט טראָגנ זיי די פאראנטוואָרטלעכקײַט אונ דערקלערנ זייערע צוועקנ“.[1]

אינ דער מאָס ווי עס פארפעסטיקנ זיכ די רעגולערע קעגנזײַטיקע באציונגענ צווישנ אלע אָרגאניזאציעס, וואָס בילדנ דעמ פאָלקס-פראָנט, אינ דער מאָס ווי אלע אָרגאניזאציעס וועלנ זײַנ פּראָפּאָרציאָנעל פאָרגעשטעלט אינ די אָנפירנדיקע פּאָליטישע, ווירטשאפטלעכע אונ געזעלשאפטלעכע אָרגאנענ פונעמ לאנד, וועלנ זיכ אויפהערנ די מײַסימ פונ די „קאָנטראָללאָזע“ גרופנ, וועט שטארקער ווערנ די מאכט אונ דער אויטאָ-

1 דימיטראָוו. פארנ פאשיסטישנ טריבונאל. ז. 25-26, „פארטיזדאט“, 1936.

רימעס פֿון דער רעגירונג פֿון דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, אומאָפּהענגיק דערפֿון, ווי זיי רופֿן זיך אָן, וועלן שטענדיק אָנשטויסן זיך אַף אונדזער ווידערשטאַנד. אַפֿן ווידערשטאַנד פֿון די סאָוויירישע אַנאַרכיסטן, פֿון די סאָציאַליסטן, פֿון אַלע קויכעס פֿונעם פֿאָלקס־פֿראָנט.

## אונדזערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט די רעפּובליקאַנער

מיט די רעפּובליקאַנער האָבן מיר גוטע קעגנזײַטיקע באַציִונגען. די רעפּובליקאַנער האָבן זיך באַוווּסטזיניק באַטײַליקט אין דער גרויסער אַנטיפֿאַשיסטישער באַוועגונג האַנט בײַ האַנט מיטן פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן לכתחילה געוווּסט, אַז זיי קעמפֿן ניט פֿאַר אַן אַבסטראַקטער רעפּובליק, נאָר פֿאַר אַ רעפּובליק פֿון אַ נײַעם טיפּ. די רעפּובליקאַנער, דאָס קלײנבירגערטום האָט געליטן פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי דער פּראָלעטאַריאַט, פֿונעם האַלב־פֿעאָדאַלן יאָך פֿון די הערשנדיקע שיכטן: פֿון די פּריצים, באַנקירן און די מיליטאַריסטן. זיי קעמפֿן אָפּערוויליק און העלדיש אַפֿן פֿראָנט. זיי פֿילן אויס געניט די אַרבעט פֿון אָנפֿירן מיטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פֿונעם לאַנד. די ניט לאַנג געהאַלטענע רעדעס פֿונעם הער אַזאַניאַ און דעם הער מאַרטינעס באַריאָ זײַנען בולטע בײַשפּילן, וואָס באַשטעטיקן אונדזערע ווערטער. ה' אַזאַניאַ האָט געזאָגט:

„אַפֿן באָדן פֿונעם בונד פֿון שפּאַנישן פֿאָלק צו פֿאַרטיידיקן די פֿרײַהייט און די אומאָפּהענגיקייט פֿונעם היימלאַנד איז געשאַפֿן געוואָרן אַט די קאָלאָסאַלע קאָאַליציע פֿון די פּאָליטישע און סאָציאַלע קויכעס און די רעגירונג.

איך האַלט, אַז די האַזיקע קאָאַליציע און דער בונד דאַרפֿן דויערן, ווײַניקסטנס, ביז דעם ניצחון, אָבער ס'איז בעסער, אַז זיי זאָלן בלײַבן אויך נאָך דעם זיגרײַכן סאָף פֿון דער מלחמה.

ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מע וועט מוזן פֿאַרנעמען זיך מיטן לייזן אַ רײ פּראָבלעמען, וואָס זײַנען נאָך איצט פֿאַרבאָרגן, וועלן מיר זיך אָנשטויסן אָן נײַע, מער שווערע און ערנסטע אויפֿגאַבן, וואָס האָט לעבן שטעלט פֿאַר אונדז. די קאָאַליציע פֿון די שפּאַניער, דער גײַסט

פון אָפּעראַוויליקייט, וואָס הערשט איצט צווישן אונדז אַלעמען, וועט אויך דעמאָלט נייטיק זײַן״.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן דעם 21 יאַנואַר 1937. און הער מאַרטינעס באַריאָ האָט געזאָגט:

„פֿרײַנט מײַנע, נעמט זיך אָן מוט, צו וואָס פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע אָדער אַ פּאַרטיי איר זאָלט ניט געהערן. שפּאַניע וועט זײַן אַזאַ, ווי זי וויל און וועט דערגרייכן דאָס, וואָס זי וויל. ווער קאָן דאָס, באַוווּסטזיניק צי אומבאַוווּסטזיניק, קעגנשטעלן זיך דעם ווילן פֿונעם פֿאָלק, וואָס האָט אַזאַ קלאָרן און פֿעסטן ציל?״

דאָס האָט ה׳ מאַרטינעס באַריאָ געזאָגט דעם 15 פֿעברואַר פֿון הײַנטיקן יאָר.

אָט די ווערטער באַווײַזן, אַז די רעפּובליקאַנער, די רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען פֿאַרשטייען די נייטיקייט פֿון ענגע קעגנזײַטיקע באַציונגען מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿונעם פֿאָלקס-פֿראָנט, מיט אַלע קויכעס פֿונעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס זײַנען פֿאָרגעשטעלט אין די רייען פֿונעם פֿאָלקס-פֿראָנט. זייער פּאָזיציע דערווײַזט, אַז דער בונד פֿון די פּראָלעטאַרישע קויכעס מיט די קויכעס פֿונעם קלייַנבירגערטום איז געגרינדעט אויף אַ פֿעסטער פּאָליטישער באַזע. דער חוב פֿון אונדזער פּאַרטיי איז זאָרגן וועגן דעם, אַז די דאָזיקע באַזע זאָל קיינמאָל ניט אײַנפֿאַלן (אויסרופֿן פֿון צושטימונג).

## אונדזערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט די פֿעלקער פֿון שפּאַניע

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נעמט אין אַכט די היסטאָרישע באַזונדערהייטן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און אָנערקענט זייערע רעכט. די דאָזיקע רעכט וועלן די נאַציאָנאַליטעטן קאָנען באַקומען נאָר אין דער רעפּובליקאַנישער, אין דער דעמאָקראַטישער שפּאַניע. דאָס האָבן פֿאַרשטאַנען די פֿעלקער פֿון שפּאַניע, און זיי שטיצן ערלעך די צענטראַלע רעגירונג. די צענטראַלע רעגירונג ווידער פֿאַרשטייט אויך די נייטיקייט צו אָנערקענען די באַזונדערע רעכט פֿון די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעטן אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט און אַכט זייערע רעליגיעזע גלוי-

בונגען. אַזוי אַרום זײַנען פֿאַראַן אַלע באַדינגונגען פֿאַר אַ בונד פֿון די פֿעלקער פֿון שפּאַניע, און דער דאָזיקער בונד וועט אײַנגעשטעלט ווערן בײַ דער אַקטיווער מיטהילף פֿון אונדזער פּאַרטיי.

## די סאָנים פון פאָלק זײַנען די פאַשיסטן, די טראָצקיסטן און די „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטן

ווער זײַנען די סאָנים פון פאָלק? די סאָנים פון פאָלק זײַנען די פאַשיסטן, די טראָצקיסטן און די „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטן. אונדזער גרונט־זאָרג אין איצטיקן מאָמענט איז זי־כערן די איינהייט פונעם גאַנצן שפּאַנישן פאָלק, דה. דעם בונד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און אַלע אַנהענגער פון פּראָגרעס, אַלע, וואָס ווילן זען שפּאַניע אַ בליענדיקע און אַ גליקלעכע. אָבער אין דער זעלבער צײַט דאַרפן מיר דעמאַסקירן אַלע פײַנט פונעם פאָלק, וווּ זיי זאָלן זיך ניט באַהאַלטן.

אונדזער הויפּט־פײַנט איז דער פאַשיזם. קעגן אים קאָנצענטרירן מיר דאָס גאַנצע פײַער און דעם גאַנצן האַס פונעם פאָלק. אָבער אונדזער האַס איז געווענדט מיט דער זעלבער קראַפט קעגן די אַגענטן פונעם פאַ־שיזם, קעגן אַזוינע, ווי די מיטגלידער פון „פּאָום", די דאָזיקע פאַרמאַס־קירטע טראָצקיסטן, וואָס מאַסקירן זיך מיט פסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, כדי אויסצופילן בעסער זייער ראָליע אַלס אַגענטן פון די סאָ־נים אין אונדזער לאַגער. כדי צו פאַרניכטן די „פינפטע קאָלאָנע", דאַרפן מיר אויך פאַרניכטן די, וואָס פאַרטיידיקן דעם סוינעס פּאָליטישע לאָ־זונגען. און אונדזער סוינעס לאָזונגען זײַנען: קעגן דער דעמאָקראַטי־שער רעפּובליק, קעגן דעם אַנטיפאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט, קעגן דער רעגירונג פונעם פאָלקס־פראָנט, קעגן אַ רעגולערער אַרמיי, קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווײַל ער ווײַזט אַרויס אַזאַ גלענצנדיקע סאָלידאַרי־טעט מיטן שפּאַנישן פאָלק אין דעם דאָזיקן קאַמף. מיט וואָס פאַרא פסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען די טראָצקיסטן זאָלן זיך ניט מאַס־קירן, שטאַרצט אַרויס פון אומעטום זייער פאַשיסטישער טאַב. און אַ שיר בײַשפּילן באַשטעטיקן דאָס.

איך וועל ניט ציטירן די אַלע געמיינהייטן, וואָס די טראָצקיסטן דרוקן טאָג־אײַן טאָג־אויס אין זייער בלעטל „באַטאַליאַ". איך וועל נאָר אָנ־

וויזן אפ דעם, אז די לאָזונגען פון די טראָצקיסטן און די לאָזונגען פון די פאשיסטן זיינען איינע און די זעלבע.

ווער האָט געוואָלט פאנאנדערטרייבן דעם פארלאמענט מיט באגנעטן? פראנקאָ און צוזאמען מיט אים די אָרטיקע און די אויסלענדישע פאשיסטן, אָרגאניזירנדיק א מעלוכע-איבערקערעניש. דאָס אייגענע פאָדערן די שפאנישע טראָצקיסטן. אין דער צייטונג „באטאליא“ פון 30 נאָיאַבער 1936 איז פארעפנטלעכט א רעזאָליוציע פונעם צק פון „פאָום“ וועגן דער נייטיקייט צו פארניכטן די פארלאמענטן פון מאדריד און פון בארצעלאָנע, ווייל די דאָזיקע פארלאמענטן זיינען „אבסאָליוט ניט נייטיק“. א פולשטענדיקע איינמוטיקייט מיט די פאשיסטן.

פראנקאָ און די איבעריקע מענוואָלים דערקלערן פרעך, אז זיי פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד, די נאציע, זיי, וועלכע האָבן פארראטן דאָס היימלאנד, וועלכע פארקויפן דעם אינטערנאציאָנאלן פאשיזם אונדזער טעריטאָריע שטיקערווייז, וועלכע האָבן די כוצפע אָנצורופן זיך „נאציאָנאליסטן“, ווערן אויסער זיך, ווען מיר דעמאסקירן זיי אלס פאררעטער פונעם היימלאנד און הענקער פון פאָלק. זיי אנערקענען ניט, אז מיר, דאָס שפאנישע פאָלק, האָבן דאָס געזעצלעכע רעכט צו פארטיידיקן אונדזער לאנד. וואָס זשע פאר א פאָזיציע פארנעמען די טראָצקיסטן? די זעלבע פאָזיציע, ווי פראנקאָ.

ווען אין ראטנפארבאנד איז אנטדעקט געוואָרן א קאָנטררעוואָליוציאָנערע טראָצקיסטישע פארשווערונג און די טראָצקיסטישע פארברעכער—די שפיאָנען און שעדיקער זיינען געשטעלט געוואָרן פארן פראָלעטארישן געריכט, האָבן די שפאנישע טראָצקיסטן, איילנדיק צו פארטיידיקן זייערע פריינט, זיך אָנגעשלאָסן אין דעם כאָר פון דער דייטשישער און איטאליענישער פאשיסטישער פרעסע, האָבן זיך ביז ארויפגעוואָרפן אפן ראטנפארבאנד, ווייל ער האָט באוויזן צו אנטדעקן די פארברעכערישע מאכינאציעס פון די פאשיסטישע אגענטן.

ס'איז אבסאָליוט קלאָר, אז די דאָזיקע אגענטן פונעם פאשיזם האָבן קיין שום געמיינזאמעס ניט מיטן פראָלעטאריאט. מיר קעמפן קעגן די טראָצקיסטן, ווייל זיי זיינען אגענטן פון אונדזערע סאָנים, וואָס זיינען דורכגעדרונגען אין די רייען פון די אנטיפאשיסטן. ס'וואָלט געווען פאלש צו האלטן דעם טראָצקיזם פאר א טייל פון דער ארבעטער-באַ-

ווערן. דאָס איז אַ פּרינציפּלאָזע גרופּע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, אַגענטן פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם: דער הויפּט פון דער דאָזיקער קאָנטררעוואָלוציאָנערער באַנדע, טראָצקי, איז אַ דירעקטער אַגענט פון דער געסטאַפּאָ. די טראָצקיסטן זיינען דורכגעדרונגען מיט בעסטיאַלישן האַס צום ראַטנפאַרבאַנד, צו דער גרויסער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָט פאַרוואָס די קאָמוניסטן זאָגן זיך אָפּ אַנטשיידנ צו געפינען זיך אין וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט די טראָצקיסטן. אונדזער פּאַרטיי האָט געשטעלט פאַר די אַרבעטער-מאַסן די פראַגע וועגן אָנגראַבמאָנעסדיקן קאַמף קעגן די טראָצקיסטן, וועגן דערציען די מאַסן אין קאַמף קעגן די פאַרמאַסקירטע פיינט פונעם אַרבעטער-קלאַס.

דער טראָצקיזם איז ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי, נאָר אַ באַנדע קאָנטררעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. דער פאַשיזם, דער טראָצקיזם און די „קאָנטראָללאָזע עלעמענטן" — דאָס זיינען די סאָניום פונעם פאָלק, וואָס מוזן אויסגעשלאָסן ווערן פונעם פּאָליטישן לעבן ניט בלויז אין שפּאַניע, נאָר אויך אין אַלע ציוויליזירטע לענדער (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

## די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

אונדזער פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט צו זייבערן דעם גיצאָבן. טאָקע דערפאַר איז געשטיגן איר אויטאָריטעט, איז געשטיגן די צאָל פון אירע מיטגלידער. וויאַזוי האָט זי געקאָנט אַזוי גיך אויסוואַקסן אין צאָל? דאָס דורכפירן אין לעבן אַ ריכטיקע פּאָליטישע ליניע צוזאַמען מיט דער אָפּפערוויליקייט און דעם העראָיזם, אַנטוויקלט און הייבט אויף די מאַסן און דערנעענטערט זיי צו דער פּאַרטיי. אונדזער פּאָליטישע ליניע, וועלכע עס באַגרייפן די ברייטסטע מאַסן, — דאָס איז די ליניע פונעם פאָלקס-פראָנט, די ליניע פונעם פּראָלעטאַרישן איינהייטס-פראָנט, די ליניע, וואָס ווערט אויפהיטן און פאַרפעסטיקן דעם בונד פון אַלע שפּאַניער אין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, פאַר דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער שפּאַניע מיט אַ טיפן סאָציאַלן אינהאַלט. טאָקע אָט די פּאָליטישע ליניע האָט דאָס

צוגעצויגנ אינ דער פארטײ טויזנטער פראָנטאָוויקעס אונ צווישנ זײ הונדערטער בעסטע פאָרשטײער פונ דער מיליטערישער אוויאציע, פונ דעמ פלאָט אונ פונ דער ארמײ (די בעוועגנדיקע שטײענ אויפ אונ מאכנ אנ אָוואציע די פאָרשטײער פונ אלע ארמײ געווער).

אינ אונדזערע רײענ האָבנ זיכ אויכ ארײנגעגאָסנ טויזנטער פרויענ — דאָס איז א סימענ פונ זײער פאָליטישער אויפוואכונג אינ דעמ דאָזיקנ היסטאָרישנ מאָמענט. זײ זײנענ געקומענ אינ די רײענ פונ דער פארטײ, ווענ זײ האָבנ דערזענ, אז די פארטײ איז דער בעסטער באשיצער פונ זײערע אינטערעסנ, דער קעמפער פאר דער גלײכבארעכטיקונג פונ די פרויענ; ניט אומזיסט איז די סימבאָלישע פיגור פונ אונדזער פארטײ אונדזער מיטקעמפערנ, די כ=טע פאסיאָנאריא, וואָס איז פול אָפּערווילי־קײט אונ העלדנמוט (די בעוועגנדיקע שטײענ אויפ אונ מאכנ א גראנדיעזע אָוואציע דער כ=טע דאָלאָרעס איבארורי).

צו אונדז זײנענ געקומענ טויזנטער פויערימ, ווײל מיר פירנ דורכ א ריכטיקע פאָליטישע ליניע אינ דאָרפ, ווײל מיר פארווירקלעכנ אינ דער פראקטיק די מארקסיסטיש־לעניניסטישע טאקטיק. מיר ווײסנ, אז דאָס פויערטומ איז א פארבינדעטער פונעמ פראָלעטאריאט, מיט וועלכנ ער דארפ האנט בא האנט קעמפנ פאר דער באפרײונג פונ דער מענטשהײט.

אינ אונדזער פארטײ האָבנ זיכ ארײנגעגאָסנ היפשע גרופנ אינטע־ליגענצ, וואָס האָט זיכ איבערצײגט אינ דער פראקטיק, אז די פארטײ פונ דעמ פראָלעטאריאט איז דער סאמע מעכטיקער פארטײדיקער פונ די קולטור־ווערטנ אונ פונ די אינטערעסנ פונ דער ארבעטס־אינטעליגענצ, אז נאָר זי וועט קאָנענ זיכערנ די שאפונג פונ א בליענדיקער קולטור פאר אלע פעלקער פונ שפאניע.

ענדלעכ, זײנענ אינ די רײענ פונ אונדזער פארטײ געקומענ — אונ מיר שטאָלצירנ דערמיט, — טויזנטער באָכערימ אונ מײדלעכ, קעמפער פאר די אינטערעסנ פונעמ יונגנ דאָר, אָרגאניזירטע אינעמ פארײניקטנ פארבאנד פונ דער שפאנישער יוגנט.

עס האָבנ זיכ אויכ אומגעקערט אינ דער פארטײ אײניקע כאווײ־רימ, וואָס האָבנ אמאָל ניט פארשטאנענ איר פאָליטישע ליניע אונ זײנ־

נענ געשטאַנענ אָנ א ווינט פונ דעמ לעבנ פונ דער פּאַרטיי. נאָכשפּירנדיק אויפמערקזאַמ נאָכ דער פּאָליטישער ליניע פונ דער פּאַרטיי, נאָכ איר טאַקטיק, האָבנ זיכ די דאָזיקע כאַוויירימ איבערצײַגט, אַז גערעכט איז געווענ די פּאַרטיי און ניט זיי. זיי האָבנ זיכ ווידער אומגעקערט אינ דער פּאַרטיי, און מיר האָבנ זיי אָנגענומענ. דער דאָזיקער בײַשפּיל באַשטעטיקט נאָכאַמאָל די ריכטיקייט פונ דער ליניע פונ אונדזער פּאַרטיי, וואָס שיצט די אינטערעסנ פונעמ פּראָלעטאַריאַט און פונ די ברייטע מאַסנ אַרבעטנדיקע. אונדזער פּאַרטיי איז שטענדיק גערעכט, און ניט גערעכט זײַנענ די, וואָס גייענ פונ איר אוועק אָדער קעמפנ קעגנ איר (שטימענ: „אַבסאָליוט ריכטיק!" רוישיקע אַפּלאָדיסמענטנ).

## דער וווּקס פונ דער פּאַרטיי

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרמאָגט איצט 249 140 מיטגלידער, און דאָס איז בלויז אינ די פּראָווינצנ, וואָס געפינענ זיכ אונטער דער מאַכט פונ דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ, אויסרופנ: „זאָל לעבנ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!").

כאַוויירימ, דער דאָזיקער וווּקס איז א רעזולטאַט פונ אונדזער אַרבעט, פונ אונדזער ריכטיקער פּאָליטישער ליניע, פונ דער פּאָליטיק פונעמ פאָלקספראָנט. איכ וויל אָנרופנ די צאָל קאָמוניסטנ, וואָס געפינענ זיכ אויפ די פראָנטנ, כדי צו ווײַזנ, אַז אונדזער פּאַרטיי קעמפט ווירקלעכ פאַרנ ניצאָכנ: 131600 מיטגלידער פונ אונדזער פּאַרטיי קעמפנ אויפ די פראָנטנ אינ די רייענ פונ דער פאָלקס־אַרמיי.

איכ כאַזער איבער, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרמאָגט איצט 249 140 מאַנ אויסער די 50 טויזנט מיטגלידער פונ דער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פונ קאַטאַלאָניע. דער סאָציאַלער באַשטאַנד פונ דער פּאַרטיי: 87660 אינדוסטריעלע אַרבעטער, 62250 לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, 76700 פּויערימ, 15485 מיטגלידער געהערנ צו די מיטל־שיכטנ, 7045 פאָרשטייער פונ דער אינטעליגענצ און פרײַע פּראָפעסיעס. אינ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זײַנענ פאַראַנ 19300 פרויענ (אַפּלאָדיסמענטנ).

מיר דאַרפֿן זײַן וואַכזאַם: ס'איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז אין אונדזערע רייען דרינגען אַרײַן און וועלן פּרוּוון אַרײַנדרינגען אַגענטן פֿונעם פֿײַנט. אַזוינע פֿאַלן טרעפֿן זיך. דער אויפֿנעם פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי ווערט שטענדיק באַגלייט מיט קאָנטראָל, אָבער דאָס איז ניט גענוג. מע דאַרף זײַן זייער וואַכזאַם, סיסטעמאַטיש אויספּרוּוון די מיטגלידער פֿון אונדזער פּאַרטיי און דערווײַטערן פֿון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס די מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט פֿאַרעקאָמענדירט (שטימען: „אַבסאָליוט ריכטיק!“ אַפּלאָדיסמענטן).

אונדזער פּאַרטיי דאַרף זײַן אַ מוסטער פֿון ערלעכקייט און פֿון פּראָלעטאַרישער מאָראַל.

## לאָמיר דערציִען די נײַע פּאַרטיי־מיטגלידער!

מיר דאַרפֿן דערציִען די נײַע פּאַרטיי־מיטגלידער און דאָס איז איינע פֿון די גרויסע אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר דער גאַנצער פּאַרטיי. ס'איז ניט גענוג צוציִען אין דער פּאַרטיי אַ מאַסע נײַע מיטגלידער. מיר דאַרפֿן נעמען אין אַכט די אָנווײַזונג פֿון אונדזער גרויסן סטאַלין, אַז מע דאַרף פֿאָרשן מענטשן, פּאָליטיש דערציִען זיי און ריכטיק פֿאַנאַנדערטיילן צווישן זיי די אַרבעט. כאַווער סטאַלין האָט געשטעמפּלט אַזאַ פּראַקטיק, ווען

„...אָנשטאָט צו דערלערנען מענטשן און ערשט נאָכן דערלערנען שטעלן זיי אויף פּאָסטנס, שלײַדערט מען זיך ניט זעלטן מיט מענטשן, ווי מיט פּעשקעס“.

אונדזער סאַמע ערשטע אויפֿגאַבע און זאָרג דאַרף זײַן:

„...אַז אונדזערע אָנפֿירער זאָלן אַרויסווײַזן די סאַמע זאָרגעוודיקע באַציִונג צו אונדזערע טוער, צו די „קליינע“ און „גרויסע“, און וואָס פֿאַר אַ געביט זיי זאָלן ניט אַרבעטן, זיי זאָלן זיי אויסהאָדעווען זאָרגעוודיק, העלפֿן זיי, ווען זיי נייטיקן זיך אין אונטערשטיצונג, סטימולירן זיי, ווען זיי באַווײַזן די ערשטע דערפֿאָלגן, אַרויסרוקן זיי פֿאָרויס אאַז״וו.“[1]

1 י. סטאַלין. רעדע אין קרעמל־פּאַלאַץ אויפֿן אַרויסלאָז פֿון די אַקאַדעמיקער פֿון דער רויטער אַרמיי דעם 4 מײַ 1935. ז. 12–13. פֿאַרלאַג „עמעס“, 1935.

מיר דאַרפֿנ ניט פֿאַרגעסנ דעמ גרויסנ לענינישנ עמעס:

„אָנ אַ רעוואָליוציאָנערער טעאָריע קאָנ ניט זײַנ אויכ קײנ רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג“ [1]. מיר דאַרפֿנ האָבנ, אַז אַלע פּאַרטײ־מיטגלידער זאָלנ טיפֿער באַהערשנ די רעוואָליוציאָנערע טעאָריע. מע טאָר זיכ ניט באַנוגענענ מיט אײנ צענטראַלער שול אינ דער אַרבעט פֿונ צוגרײטנ קאַדרענ, — יעדער געגנט־קאָמיטעט דאַרפֿ אָרגאַניזירנ אײגענע שולנ.

די פּאַרטײ לאָזט אַרויס טאָג־טעגלעכ עטלעכע צײַטונגענ. דערלויבט מיר באַגריסנ אונדזער באַליבטע צײַטונג „מונדאָ אָבּרעראָ“, דעמ קאַמפֿ־אָרגאַנ פֿונ אונדזער פּאַרטײ, וואָס שפּילט אַפֿ דער פֿײַער־ליניע די ראָליע פֿונ אַנ אָנפֿירער פֿונ די העראָאישע קריגער פֿונ מאַדריד (די בײַזײַענדיקע שטײענ אויפֿ אונ מאַכנ אַ הײסע אָוואַציע דעמ פֿאַרשפּרײטער פֿונ „מונדאָ אָבּרעראָ“).

מיר דאַרפֿנ אויכ פֿאַרברײטערנ די קאָלאָסאַלע אַרבעט, וועלכע עס פֿירט דורכ די צײַטונג בײַ דער יוגנט, וואָס גײט אַרויס אינ די שיצ־גראָבנס (אַפּלאָדיסמענטנ). די אָנפֿירונג פֿונ דער פֿאַרײניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט קאָנ שטאָלצירנ מיט איר צײַטונג, וואָס איז אַ מוסטער פֿונ אַ צײַטונג פֿאַר דער יוגנט.

מיר לאָזנ אַרויס רעגולער ביכער אונ בראָשורנ, אָבער אויסער דעמ אַלעמ דאַרפֿ מענ פֿאַרשפּרײטנ פּאָפּולערע, טעאָרעטישע מאַרקסיסטיש־לענינישע ליטעראַטור. מע דאַרפֿ ווי מעגלעכ גיכער לײזנ די פֿראַגע וועגנ אַרויסלאָזנ אַ טעאָרעטישנ זשורנאַל.

## די זאָרג וועגנ די קאַדרענ

ס׳איז ניטאָ אונ עס קאָנ ניט זײַנ קײנ אײנטײלונג אַפֿ אַלטע קאַדרענ אונ נײַע, אַפֿ קאַדרענ, וואָס ווײסנ אַלצ, אונ קאַדרענ, וואָס ווײסנ ניט. אַלע פּאַרטײ־קאַדרענ — סײַ די נײַע סײַ די אַלטע — האָבנ אײנעמ אונ דעמ זעלבנ צוטרוי מיצאַד דער פּאַרטײ, זײ אַלע קאָנענ אונ דאַרפֿנ פֿאַרנעמענ אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס, אויב זײ וועלנ פֿעסט אונ זיכער דורכפֿירנ אינ לעבנ די פּאַרטײ־ליניע. עס טאָר ניט זײַנ קײנ אײנטײלונג אַפֿ אַלטע אונ נײַע קאַדרענ, אויב די אַלטע אונ די נײַע קאַדרענ זײַנענ גלײַכ

1 לענינ, „וואָס דאַרפֿ מענ טאָנ?“ ז. 42, פֿאַרלאַג „עמעס“, 1937.

גרייט מאַכן צו זײַן זיך און קעמפֿן העראָיש. מע דאַרף דרײַסטער אַרויסרוקן נײַע קאַדרן.

איצט קומט פֿאַר אַ מאָביליזאַציע פֿונעם פּריזיוו־קאָנטינגענט פֿון די יאָרן 1932—1936. אין אַ סך געגנט־קאָמיטעטן וועלן די גרונט־קאַדרן פֿון דער פּאַרטיי מוזן גיין אין דער אַרמיי. די פּאַרטיי האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ווענדונג וועגן דעם. איינציקע כאַווײרים קומען אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי עטוואָס באַאומרויִקטע, ווײַל קומט דער גאַנצער באַשטאַנד פֿונעם פּראָווינץ־קאָמיטעט אָדער דער גרעסטער טייל פֿון אים גייט אַוועק אויפֿן פֿראָנט. זיי האַלטן, אַז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וועט זיך צעפֿאַלן און וועט אומקומען. אַזעלכע פּאַניק־שטימונגען זײַנען נאַטירלעך, פֿעלערהאַפֿט, אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַוועקגיין פֿון די דאָזיקע כאַווײרים אויפֿן פֿראָנט, באַקומט אַ באַזונדערע שאַרפֿקייט די פֿראַגע וועגן אַרויסרוקן נײַע קאַדרן. דאָ דאַרף זײַן דרײַסטקייט. וועגן אַרויסרוקן נײַע קאַדרן דאַרף מען טראַכטן טאָג באַצײַטנס, איידער אונדזערע כאַווײרים וועלן אַוועקגיין אין דער אַרמיי. מע דאַרף שוין איצט צוגרייטן זיי אַ פֿאַרבײַט, קעדיי די נײַע קאַדרן זאָלן זיך באַקענען אַפֿריער מיט דער אַרבעט, וואָס זיי וועלן דאַרפֿן פֿירן.

און אַנדערשמאָל האַלט זיך דער גאַנצער געגנט־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי אויף איינעם פֿון זײַנע מיטגלידער, אויפֿן גענעראַל־סעקרעטאַר, אויף דעם אָרגסעקרעטאַר, אויפֿן סעקרעטאַר פֿון אַגיטפּראָפּ. אַ געגנט־קאָמיטעט אָדער אַ ראַיאָן־קאָמיטעט, וואָס האַלט זיך נאָר אויף איין מיטגליד זײַנעם, איז ניט קיין קאָמיטעט (שטימען: „אַבסאָלוט ריכטיק!" שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). אָט דעריבער דאַרף מען דורכמאַכן אַ גרויסע אַרבעט צו פֿעסטשטעלן, אויספֿאָרשן די קאַדרן, אַ קוק טאָן, ווי זיי ווערן אויסגענוצט, און פֿאַנאַנדערטיילן זיי ריכטיק. איצט, ווען מיר האָבן אַ פּאַרטיי, אַ שטאַרקע, איז דאָס אַרויסרוקן און צוגרייטן נײַע קאַדרן אָנפֿירנדיקע טוער איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן.

אַלע אָנפֿירנדיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען, אָנגעהויבן פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט און געענדיקט מיט די ראַיאָן־קאָמיטעטן, דאַרפֿן אַרויסווײַזן מער אָפּעראַטיווקייט אין דער אַרבעט. זיי דאַרפֿן אויסלעבן די רעשטן פֿון די סעקטאַנטישע טענדענצן אין די קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט די פֿרײַנטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

מע דארפ אײנשטעלנ א גרעסערע קאָלעקטיװקײט אינ דער ארבעט אונ אײנעמ לײגנ די אויפגאבנ, װאָס שטײענ פאר אונדז. עס איז אומדערלאָזבאר אזא זאכלאגע, װענ דער סעקרעטאר אָדער אײנ פאראנטװאָרטלעכער טוער פונעמ קאָמיטעט, פארבײטנדיק מיט זיכ דעמ גאנצנ קאָמיטעט, לײזט אלע פראגנ אלײנ אונ ציט ניט צו די אנדערע באװײרים צומ אקטיװנ אָנטײלנעמענ אינ דער ארבעט.

## די גרונט־אויפגאבנ

ארויסגײענדיק דערפונ, װאָס אונדזער פארטײ דארפ זײנ דער גרונט־אינסטרומענט צו פארפעסטיקנ דעמ פאָלקס־פראָנט אונ באהעפטנ דאָס שפאנישע פאָלק אינ קאמפ קעגנ די אינערלעכע אונ אויסלענדישע פאשיסטנ, באשטײענ די אויפגאבנ פונ די קאָמוניסטנ אינ פאָלגנדיקנ:

אפנ פראָנט דארפנ די קאָמוניסטנ זײנ א מוסטער פונ דיסציפלינ אונ העראָיזמ; זײ דארפנ ארויסװײזנ מאקסימאלע װאכזאמקײט בנוגע פארשײדענע פראָװאָקאציעס אונ שפיאָנאזש אינ דער פאָלקס־ארמײ.

אינ דער פראָדוקציע דארפנ די קאָמוניסטנ זײנ די בעסטע שלאָגלער. זײ דארפנ קעמפנ פאר דער שאפונג פונ דער מיליטערישער אינדוסטריע, נעמענדיק א מוסטער פונ די רוסישע באָלשעװיקעס, װאָס שטעלנ זיכ קײנמאָל ניט אָפ פאר קײנע שװעריקײטנ. אנדערע האלטנ אונדזער לאנד פאר אנ אָפגעשטאנענ לאנד אונ זאָגנ, אז בא אונדז קאָנ מענ ניט שאפנ גיכ א מיליטערישע אינדוסטריע. די דאָזיקע באהויפטונג איז ניט קײנ ריכטיקע.

אינ קאטאלאָניע, אינ ביסקײע אונ אינ לעװאנט איז שוינ טײלװײז געשאפנ א מיליטערישע אינדוסטריע, װאָס װאָלט געקאָנט ארויסארבעטנ א סאכ מער װי זי ארבעט אויס, װענ עס זאָל אויסגענוצט װערנ אינגאנצנ די מעכטיקײט פונ די קריגס־זאװאָדנ. ניט גענוג שטיצט מענ בא אונדז די איניציאטיװ פונ די פריװאטע אונ קאָלעקטיװע אונטערנעמונגענ, װעלכע קאָנענ ארויסארבעטנ מיליטערישע אמוניציע. מיר האָבנ מענטשנ, װאָס אָנשטאט צו קעמפנ פאר דער שאפונג פונ א מיליטערישער אינדוסטריע, באנוצנ זײ זיכ מיטנ קלאָנג זיכ אפנ אינטערנא־

ציאָנאַלנ קאָנטראָל. אָט דאָס קלאָגנ זיכ איז עפּשער גערעכט אונ באַ-
גרינדעט, אָבער באַנוגענענ זיכ דערמיט טאָר מענ ניט. די, וואָס מאָלנ
אונדזער צוקונפט אינ פינצטערע פאַרבנ, ווייל מע שטערט אונדז אימ-
פּאָרטירנ דאָס, וואָס מיר דאַרפנ האָבנ פאַר דער מילכאָמע, די, וואָס
צווייפלענ אינ דעמ, אַז מיר וועלנ קאָנענ שאַפנ אונדזער גרויסע נאַ-
ציאָנאַלע אינדוסטריע, וועלכע וועט קאָנענ באַוואָרנ אונדז מיט אַלדאָס
נייטיקע, — די קאָנענ מיר ענטפערנ: מיר האָבנ אַלע מעגלעכקייטנ צו
שאַפנ אַ גרויסע מיליטערישע אינדוסטריע.

מיר דאַרפנ מאָביליזירנ אַלע אינערלעכע רעסורסנ, בייקומענ אַלע
שוועריקייטנ אונ שאַפנ אַ מעכטיקע מיליטערישע אינדוסטריע. די באָל-
שעוויקעס פונעמ ראַטנלאַנד, דורכגעדרונגענ מיט גלויבנ אינ זייערע
קויכעס, אינ די שעפערישע קויכעס פונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פונעמ
פאָלק, האָבנ געשאַפנ מיט קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס אַ מעכטיקע אינדוס-
טריע. עס איז נייטיק, אַז די קאָמוניסטנ פונ שפּאַניע זאָלנ זיינ די איני-
ציאַטאָרנ אונ ענטוזיאַסטנ אינ דער אַרבעט צו שאַפנ אַ מעכטיקע מילי-
טערישע אינדוסטריע; זיי זאָלנ צוציִענ אַלס אייצעגעבער די אַרבעטער
אונ טעכניקער פונ יעדער פאַבריק, וועלכע מע קאָנ פונדאַסנס אויס-
שטאַטנ פאַר דער באַדערפעניש פונ דער מיליטערישער פּראָדוקציע;
זיי זאָלנ אַריינטראָגנ קאָנקרעטע פאָרשלאָגנ דער רעגירונג וועגנ אויס-
נוצנ בעסער די אונטערנעמונגענ, וואָס אַרבעטנ פאַר דער לאַנדשוץ. די
קאָמוניסטנ דאַרפנ איבערצייגנ די אַרבעטער-מאַסנ, אַז מע דאַרפ
שאַפנ אַנ אַרבעטס-אַרמיי, אַנ אַרמיי אַ מעכטיקע אונ אַ דיסציפּליני-
טע; מע דאַרפ ניט שלאָפנ קיינ נעכט, מע דאַרפ געפינענ מיטלענ צו
פאַרגרעסערנ די פּראָדוקציע, מע דאַרפ שאַפנ שלאָג-בריגאַדעס, העכערנ
די פּראָדוקטיווקייט פונ אַרבעט. יעדע פאַבריק דאַרפ געבנ דעמ מאַקסי-
מומ פּראָדוקציע, פאַרבעסערנ איר פּראָדוקציע, העכערנ די קוואַליפיקאַ-
ציע פונ די אַרבעטער די ספּעציאַליסטנ. אונדזער דעוויז איז „פּראָדו-
צירנ מער אונ בעסער“.

אינ דאָרפ דאַרפנ די קאָמוניסטנ ענערגיש דורכפירנ די אַגראַר-
פּאָליטיק פונ אונדזער פּאַרטיי, וועלכע האָט שוינ געגעבנ גוטע רעזול-
טאַטנ; זיי דאַרפנ ווייטער פירנ די אַרבעט צו אָרגאַניזירנ די פויערימ
אונ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אינ פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיונ

אונ פּראָפּאַרייִנענ, שאַפנ פאַרבינדונגס-קאָמיטעטנ צווישנ די לאַנדווירט-שאַפטלעכע אַרבעטער אונ די פויערים, זיכערנדיק אַזוי אַרומ אַנ ענגנ בונד צווישנ די אַרבעטנדיקע פונ דאָרף. זיי דאַרפנ איבערצייַגנ אַלעמענ, אַז מע דאַרף אַכטנ דאָס קלייַנ-אייגנטומ; זאָרגנ וועגנ דער אינטענסיפי-צירונג אונ דער דיפערענצירונג פונעמ פאַרזיי, פאַרגרעסערנ די לאַנד-ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע; קעמפנ פאַרנ באַזאָרגנ די פויערימ מיט קרעדיט, זריע אונ באַמיסטיקונג.

די אינטעליגענצ. די קאָמוניסטנ קעמפנ פאַר א שיינ, גלייכ-לעכ לעבנ פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; זיי דאַרפנ מיט יעדנ טאָג אַלצ שטאַרקער פאַרפעסטיקנ דעמ ברודער-בונד מיט דער אינטעליגענצ אונ דערווייזנ אינ דער פּראַקטיק, אַז דאָס פאָלק האָט ליב די וויסנ-שאַפט, קונסט, ליטעראַטור, אונ דער פאַשיזמ איז א סינאָנימ פונ אָב-סקוראַנטיזמ, באַרבאַריי אונ פונ אָפּלייקענענ די קולטור. די קאָמוניסטנ מוזנ קעמפנ פאַר זיכערנ די וויסנשאַפט-מענטשנ אַזוינע באַדינגונגענ, אַז זיי זאָלנ קאָנענ אָפּגעבנ זייער וויסנ דעמ פאָלק אונ מיטהעלפנ אונ-זער ניצאָכנ.

די קאָמוניסטנ דאַרפנ זיינ די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרנ פונעמ הינטערלאַנד, אָפּגעבנדיק מאַקסימומ אויפמערקזאַמקייט די באַ-דערפענישנ פונעמ פראָנט. די קאָמוניסטנ מוזנ זאָרגנ וועגנ די פאַר-וווּנדעטע, וועגנ די אינוואַלידנ, וועגנ די פרויענ אונ קינדער פונ די קריי-גער, וועגנ דער גערעכטיקער פאַנאַנדערטיילונג פונ פּראָוויאַנט, זיי דאַרפנ זיכ סטאַרענ פאַרהיטנ די באַפעלקערונג פונ די פאַשיסטישע אַוויאַריעס-דיקנטנ, בויענדיק שוצ-ערטער, פאָרטיפיקאַציעס אונ לאַנדשוצ-פּונקטנ.

מע דאַרף מאָביליזירנ דאָס גאַנצע הינטערלאַנד צו באַפרידיקנ די באַדערפענישנ פונ דער מילכאָמע. דער כויוו פונ יעדנ בירגער איז אַר-בעטנ אַפ דער אונטערנעמונג אָדער אינ דער היימ פאַר די באַדערפע-נישנ פונ דער מילכאָמע. די סאָלדאַטנ פונ דער פאָלקס-אַרמיי דאַרפנ קיינ זאַכ ניט פעלנ, דאָס הינטערלאַנד דאַרף באַזאָרגנ די אַרמיי. די אויפגאַ-בע פונ די קאָמוניסטנ איז דערשלאָגנ זיכ צו אַזא לאַגע, ווענ אַלע זאָלנ אָפּגעבנ דעמ מאַקסימומ פונ זייער אַרבעט צו אָרגאַניזירנ דעמ ניצאָכנ; זיי דאַרפנ מאָביליזירנ אַלדאָס געזונטע אונ ערלעכע קעגנ די פאַרבאָר-גענע סאַבאָטימ, קעגנ די קריגס-ספּעקולאַנטנ, קעגנ די לייידיקגייער, וואָס האָבנ זיכ פאַרקראָכנ אינעמ הינטערלאַנד.

# די פּאַרטײ און די פּראָפֿאַרײַנישע אָרגאַניזאַציעס

די קאָמוניסטנ זײַנענ די בעסטע פּאַרטײדיקער פֿונ די *פּראָפֿאַרײַנישע אָרגאַניזאַציעס*. זײ װערבירנ סיסטעמאַטיש נײַע מיטגלידער פֿונ די פּראָפֿאַרײַנענ; זײ דאַרפֿנ דערציענ די פּראָפֿאַרײַנישע מאַסנ; זײ דאַרפֿנ קעמפֿנ פֿאַר פֿאַרװירקלעכנ די װירקלעכע פּראָפֿאַרײַנישע דעמאָקראַטיע, װאָס זאָל געבנ די מעגלעכקײט די בעסטע פֿאָרשטײער פֿונעמ אַרבעטער-קלאַס צו פֿאַרנעמענ די אָנפֿירנדיקע פּאָסטנ.

די קאָמוניסטנ דאַרפֿנ מיטהעלפֿנ שאַפֿנ די גינציקע באַדינגונגענ פֿאַר צונױפֿגיסנ די נאַציאָנאַלע אַרבעט-קאָנפֿעדעראַציע און דעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער-פֿאַרבאַנד אין אײנ פּראָפֿעסיאָנעלנ צענטער. די קאָמוניסטנ דאַרפֿנ מיט אַלע מיטלענ שטרעבנ צו פֿאַרפֿעסטיקנ די קױכעס פֿונעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער-פֿאַרבאַנד, פֿונ דעמ פּראָפֿאַרײַנישנ צענטער, צו װעלכנ עס געהערט די איבערװעגנדיקע מערהײט קאָמוניסטנ. און צוליב דעמ דאַרפֿ מענ קאַטעגאָריש פֿאָדערנ אינ פֿאַל, אױב מע קאָנ נית טײקעפֿ צונױפֿרופֿנ א קאָנגרעס, אַפֿ װעלכנ מע זאָל קאָנענ אױסװײלנ אָפֿנ באָדנ פֿונ דעמאָקראַטיע א נײַע אָנפֿירונג, אַרײַנפֿירנ אינ באַשטאַנד פֿונ דער איצטיקער אָנפֿירונג א פֿאָרשטײער פֿונ די קאָמוניסטנ.

די קאָמוניסטנ דאַרפֿנ פֿאַרשטאַרקנ און פֿאַרברײטערנ די אַרבעט צװישנ די *פֿרױענ*. מע דאַרפֿ פֿאַרפֿעסטיקנ די שױנ עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס פֿונ די אַנטיפֿאַשיסטישע פֿרױענ און מאָביליזירנ אַלע פֿרױענ פֿונ שפּאַניע צו פֿאַרטײדיקנ דאָס הײמלאַנד און די נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקײט; מע דאַרפֿ שאַפֿנ א באַװעגונג פֿונ פֿרױענ פֿונ דער נײַער שפּאַניע.

מע דאַרפֿ פֿאַרפֿעסטיקנ די *אָרגאַניזאַציע פֿונ פֿרײַנט פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד*. הונדערטער טױזנטער שפּאַנישע בירגער װילנ אױפֿהאַלטנ א שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיטנ גרױסנ לאַנד פֿונ סאָציאַליזמ — מיטנ ראַטנפֿאַרבאַנד. אינ שפּאַניע איז פֿאַראַנ א „געזעלשאַפֿט פֿרײַנט פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד“. מע דאַרפֿ זי מיט אַלע אױפֿאַנימ פֿאַרברײטערנ.

דעמ „מאָפּר“, װאָס דאַרפֿ לױט כ' דימיטראָװס װערטער, װערנ א

מינ „רויטער קרייץ“ פֿונעמ איינהייט־פֿראָנט פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט אונ פֿונעמ אַנטיפֿאַשיסטישנ פֿאָלקס־פֿראָנט, דאַרפֿ מענ געבנ מער הילפֿ, קעדיי ער זאָל זײַנ אימשטאַנד אויסצופֿילנ די אויפֿגאַבע, וואָס דער איצ־טיקער מאָמענט לייגט אַפֿ אימ אַרויפֿ.

## הילפֿ דער יוגנט

מע דאַרפֿ מיט אַלע מיטלענ העלפֿנ דער פֿאַרייניקטער סאָציאַליסטי־שער יוגנט, אָט דער מערקווירדיקער יוגנט, וואָס האָט אַרויסגערוקט פֿונ אירע רייענ טויזנטער קריגער, אויסגעצייכנטע קאַדערנ. מע דאַרפֿ זיכ דערשלאָגנ, אַז זי זאָל ווערנ די איינציקע אָרגאַניזאַציע פֿונ דער יוגנט, די פֿאַרלוסטנ פֿונ די אָנפֿירנדיקע קאַדערנ פֿונ דער פֿאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט דאַרפֿנ קאָמפּענסירט ווערנ דורכ אַנ אינטענסי־ווער ווערבירונג פֿונ נײַע טויזנטער מיטגלידער. ניט ווייניק בעסטע קעמ־פֿער האָט אַרויסגערוקט די יוגנט, ניט ווייניק פֿונ זיי זײַנענ העלדיש געפֿאַלנ אַפֿ די שלאַכט־פֿעלדער. לינאַ אָדענאַ, איינע פֿונ די בעסטע אָנפֿירערס פֿונ דער פֿאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט, פֿלעגט שטענ־דיק דערפֿירנ ביזנ קאַמפֿ די אָנגעהויבענע אַרבעט. זי איז אויכ געווענ אַ פּאַרטיי־מיטגליד, אונ מיר אַלע ווייסנ, ווי זי האָט געאַרבעט צוערשט אינ קאַטאַלאָניע אונ נאָכדעמ אינ פֿאַרשיידענע פּראָווינצנ פֿונ שפּאַניע. דאָס איז אַ גרויסער פֿאַרלוסט פֿאַר דער פּאַרטיי אונ נאָכ אַ גרעסע־רער פֿאַרלוסט פֿאַר דער יוגנט. כ' מאַרטינ, אַ מיטגליד פֿונעמ פֿאַר־באַנד פֿונ דער פֿאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט, איז געפֿאַלנ באַמ אויספֿילנ זײַנ פֿליכט אַפֿנ שלאַכט־פּאָסטנ. ענדלעכ, גאָר ניט לאַנג זײַנענ אומגעקומענ די כּכ' מעדראַנאַ, סאַפּיראַינ אונ קועסטאַ. ווענ איכ האָב גערעדט מיט די כאַווייריממ פֿונ דער אָנפֿירונג פֿונ דער פֿאַרייניקטער סאָ־ציאַליסטישער יוגנט, האָב איכ געזענ, ווי טיפֿ זיי פֿילנ דעמ צאַר פֿונ דעמ דאָזיקנ פֿאַרלוסט אונ ווי זיי רעאַגירנ אַפֿנ שווערנ קלאַפּ, וואָס זייער אָרגאַניזאַציע האָט באַקומענ. אינ אָנגעזיכט פֿונ דעמ דאָזיקנ פֿאַרלוסט האָבנ זיי מיט נאָכ מער ענערגיע, מיט נאָכ מער ענטוזיאַזמ גענומענ זיכ צו דער אַרבעט, האָבנ נאָכ מער ענערגיש דורכגעפֿירט זייער פּאָליטישע ליניע, פֿאַר וועלכער עס האָבנ שטאַנדהאַפֿטיק געקעמפֿט די כאַווייריממ,

וואָס זײַנענ געפאַלנ אפנ שלאַכט־פּאָסטנ. דעמ אומקומ פונ די דאָזיקע כאַווײרימ, פריִער פאַר אַלצ פונעמ מיטגליד פונ צק מעדראַנאָ, פילט שאַרפ אונדזער פּאַרטײ, אָבער, איכ זאָג עס נאָכאַמאָל, נאָכ שאַרפער פילט דאָס די יוגנט. אונדזער פּאַרטײ דאַרפ העלפנ דער יוגנט, אַז דער יוגנט, וואָס אינ איר שפּיצ געפינענ זיכ הײַנט אַזוינע אָנפירער, ווי כ׳ סאַנטיאַגאָ קאַריליאָ (די דעלעגאַטנ הייבנ זיכ אויפ אונ מאַכנ אַ גראַנדיעזע אָוואַציע דעמ כ׳ סאַנטיאַגאָ קאַריליאָ).

אינ דער אָנפירונג פונ דער פאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט באַלײַב מיטנ גענעראַל־סעקרעטאַר כ׳ סאַנטיאַגאָ קאַריליאָ, געפינענ זיכ אויכ יונגע אַרבעטערנס, ווי קלאַודינ, ליאָנ, ווידאַל, קאַסאָרלאַ, אַרקאַנאַדאַ, סעכיס, מעלטשאָר (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטנ). די דאָזיקע כאַווײרימ, דערצויגענע אינ גײַסט פונ מאַרקסיזמ־לענינזמ, זײַנענ אַ גאַראַנטיע דערויפ, אַז די פאַרייניקטע סאָציאַליסטישע יוגנט וועט קאָנענ באַהעפטנ אַרומ זיכ די גאַנצע שפּאַנישע אַנטיפאַשיסטישע יוגנט, דעמ גאַנצנ יונגנ דור, וואָס שטרעבט צו לעבנ אינ דער פרײַער בליִענדיקער שפּאַניע. זי שיקט אירע בעסטע קאַדרעס אפנ פראָנט, גרייט צו נײַע קאַדרעס אינ דער פּראָדוקציע, דערציט די יוגנט אינ גײַסט פונ מעסירעסנעפעש אונ העראָיזמ. די דאָזיקע פאַרייניקונג פונ דער יוגנט האָט צענדליקער אונ צענדליקער טויזנטער מיטגלידער אפ די פראָנטנ.

די פאַרייניקטע סאָציאַליסטישע יוגנט האָט אונטערגעשריבנ אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער אַנאַרכיסטישער אונ דער רעפּובליקאַנישער יוגנט. דער ציל פונ דער דאָזיקער פאַרשטענדיקונג איז צו שאַפנ אינ אַלע אונטערנעמונגענ בריגאַדעס צו פאַרגרעסערנ די צאָל אונ העכערנ די קוואַליטעט פונ דער פּראָדוקציע אונ אַראָפּזעצנ די קערנ־קאָסטנ. די אָרגאַניזירונג פונ אַזוינע בריגאַדעס דאַרפ פאָרקומענ אונטער דער אָנפירונג פונ די פאַבריק־קאָמיטעטנ, וואָס באַשטייענ פונ די מיטגלידער פונ דעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער־פאַרבאַנד אונ דער נאַציאָנאַלער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע.

## אונדזערע קעגנזײַטיקע באציִונגענ מיט די פּארטייענ פונ קאטאלאָניע און ביסקײַע

מע האט אָרגאניזירט א שטענדיקנ אויסטויש פונ דערפארונג דורכ קעגנזײַטיקער פארשטייערשאפט אינ די צענטראל־קאָמיטעטנ. דער פּלע־נומ פונ דער סאָציאליסטישער פּארטיי פונ קאטאלאָניע האט איינגעשלאָסנ אינ זײַנ באשטאנד איינעמ פונ די מיטגלידער פונ אונדזער צענטראל־קאָמיטעט. איכ האלט פאר צוועקמעסיק, אז אונדזער פּלענומ זאָל פונ זײַנ זײַט ארײַנפירנ אינ זײַנ באשטאנד עטלעכע כאווײרימ פונ דער פּאַ־רייניקטער סאָציאליסטישער פּארטיי פונ קאטאלאָניע, און איכ רוק ארויס אינ דער ערשטער ריי די קאנדידאטור פונעמ באליבטנ פירער פונ דער ברודער־פּארטיי פונעמ קאטאלאָנישנ פאָלק דעמ כ׳ קאָמארערא (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ. אויסרופנ: זאָל לעבנ דער כ׳ קאָ־מארערא!").

## אונדזער פּארטיי איז איינהײַטלעכ מער, איידער ווענ־עס־איז פריִער

די איינהייט, די מאָנאָליטקייט פונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי איז אונדזער גרעסטער שטאַרק. אונדזער פּאָליטישע ליניע איז קלאָר און פאר־שטענדלעכ פאר די ברייטע מאסנ פונ שפּאנישנ פאָלק. אויב אונדזער פּאָליטישע ליניע איז אזוי קלאָר און פארשטענדלעכ, איז עס דערפאר, וואָס זי איז דורכגעדרונגענ מיט דער אידעאָלאָגיע, מיט דער סטראטע־גישער און פּראקטישער אָריענטירונג פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציִ־אָנאל (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ). דאָס איז, ווײַל די פּארטיי האט פארשטאנענ אָנצווענדנ ריכטיק די סטראטעגישע ליניע פונעמ VII קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ, וועלכע עס האט דערקלערט אונדזער גרויסער כאווער דימיטראָוו (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ).

דער וווּקס פונ דער פאשיסטישער רעאקציע האט געשטעלט פאר דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט די דילעמע: „דעמאָקראטיע אָדער פאשיזמ". קעדיי צו שטערנ דעמ וווּקס פונ דער סאמע בעסטיאלישער רעאקציע, פונ דער סאמע ווילדער און בארבארישער קראפט, וואָס די

געשיכטע ווייסט נאָר, פון דער קראַפט, וואָס אונטערדריקט פעלקער און פּראָוואָצירט מילכאָמעס,—קעדיי צו שטערן דעם וווּקס פונעם פאַשיזם, דאַרף מען אים קעגנשטעלן דעם בונד פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון אַלע פויערשע מאַסן, פון אַלע ערלעכע אינטעליגענטן, פון אַלע פּראָגרע-סיווע קויכעס פון דער מענטשהייט.

אונדזער גרויסער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעוויזן דעם וועג פון קאַמף קעגן פאַשיזם, דעם וועג צו פאַרטיידיקן די ציווילי-זאַציע קעגן דער באַרבאַריי, דעם וועג צו פאַרניכטן די פאַשיסטישע כייע און דעם וועג פון דער ברייטער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער דעמאָ-קראַטיע. די גאַנצע מענטשהייט, און אונדזער פאָלק אין דער ערשטער ריי, איז אים דערפאַר דאַנקבאַר.

## פונוואַנען קומט דער אופשטייַג פון אונדזער פּאַרטיי

די דערפאָלגן פון אונדזער פּאַרטיי, דער אַרייַנטריט פון צענדליקער טויזנטער נייע מיטגלידער אין אונדזער פּאַרטיי באַווייזט, אַז דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען, אַז אונדזער פּאַרטיי ווייסט וואָס זי וויל און וווּהין זי גייט. אונדזער פּאַרטיי האָט דערוויזן, אַז וואָרט און טאַט גייען זיך בא איר ניט פאַנאַנדער, אַז זי פילט אויס אירע צוזאָגן, ווייל זי זאָגט ניט צו מער, ווי זי קאָן טאָן. יעדער קאָמוניסט שטאָלצירט מיט זיין אָנגעהערי-קייט צו דער פּאַרטיי; ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, טוט ער זיין אַרבעט, געפירט נאָר פון איין געדאַנק — מאַכן אַזוי, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך בע-סער ספּראַווען מיט די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר איר. מיר, קאָמוניס-טן, דערווייזן אין דער פּראַקטיק אונדזער שטרעבונג צו געווינען די מיל-כאָמע און פאַרפעסטיקן די דעראָבערונגען פונעם שפּאַנישן פאָלק צוליב זיין גליק, צוליב שאָלעם און אַרבעט. די מיטגלידער פון אונדזער פּאַרטיי באַרימען זיך ניט, אַז זיי זיינען גרעסערע רעוואָלוציאָנערן פון אַנדערע; זיי קעמפן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, זיי גייען אַרויס פון דער רעאַ-לער ווירקלעכקייט און ווערן ניט פאַרכאַפּט פון רעוואָלוציאָנערע פראַזן. אָט פאַרוואָס אונדזער פּאַרטיי ווערט אין איצטיקן מאָמענט איינער פון די סאַמע אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן. די מאַסן האָבן פולקומען צוטרוי צום צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, צו זיינע אָנפירער. אונדזער צענ-

טראַל=קאָמיטעט האָט מיט זײַנ פּאָליטישער ליניע אונ מיט זײַנע אַרבעטנ, מיט זײַנ איניציאַטיוו, מיט זײַנ פעסטקײַט אונ רויִקײַט באַוויזנ, אַז ער איז פאַרבונדנ מיט דער פאָלקס=זאַכ ניט צו צעשיידנ.

## די מענטשנ פונ אונדזער פּאַרטיי

די אָנפירער פונ אונדזער פּאַרטיי זײַנענ באַליבט בײַ די מאַסנ, מיר האָבנ אַזוינע באַווײַזנ, ווי די גרויסע פּאַסיאָנאַריאַ, דער באַליבטער באַוועער אינ אונדזער פּאַרטיי, זי איז דער טריבונ פונ דער פּאַרטיי, איינע פונ די אָנגעזעענסטע פיגורנ פונ דער הײַנטיקער שפּאַניע, וואָס פאַרקערפּערט דעמ ענטוזיאַזמ פונעמ גאַנצנ שפּאַנישנ פאָלק. זי איז דער סימבאָל פונ שפּאַנישנ פאָלק, וואָס קעמפט פאַר ראַטעווענ זיכ פונ דער פאַשיסטישער שקלאַפערײַ. זי איז די פאַרקערפּערונג פונ דער גרעסטער אָפּפערוויליקײַט, באַשיידנקײַט אונ פונ דער מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער קראַפט. פּאַסיאָנאַריאַ איז נאָענט דעמ פּראָלעטאַריאַט, נאָענט דעמ גאַנצנ פאָלק. זי איז שוינ געוואָרנ אַ לעגענדאַרע פיגור. ווענ פּאַסיאָנאַריאַ פאָרט ערגעץ אינ דער פּראָווינצ, ווענ זי גייט אַרײַנ אינ אַנ אַרבעטערס וווינונג,—איכ האָב דאָס אַליינ געזענ, אונ איר זײַט אויכ אַוודאי געווענ אײַדעמ דערפונ,—טאַפּט מענ זי אַרומ, צו איבערצײַגנ זיכ, צי זי איז ווירקלעכ פונ פלייש אונ בלוט, ווי אַלע אַנדערע... (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ פאַרהילכנ דעמ סאָפ פונ דער רעדע).

כ' אוריבע איז איינער פונ די אַלטע אָנפירער פונ דער פּאַרטיי. די פּויערשע מאַסנ זעענ אינ אימ, אינ אונדזער פּאַרטיי, קאָנסעקווענטע פאַרטיידיקער פונ זייערע אינטערעסנ, אַ פאַרקערפּערונג פונעמ פעסטנ ווילנ, פונ דער אַנטשלאָסנהײַט צו באַפרײַענ זיי פונ שקלאַפערײַ. אוריבע, אַנ אַרבעטער אַ מעטאַליסט, אַרבעט אינ מיניסטעריומ פונ ערד=אַרבעט צו לייזנ די שווערסטע פּראָבלעמענ פונ פאַרבעסערנ דאָס לעבנ פונעמ פּויערטומ. האַלטנדיק זיכ בײַ דער מאַרקסיסטיש=לענינישער טעאָריע, האָט ער פאַרשטאַנענ ווי צוצוגיינ ריכטיק צו די פּויערשע מאַסנ (די בײַוועזנדיקע שטייענ אויפ אונ מאַכנ אַ שטורמישע אָוואַציע דעמ כ' אוריבע. אויסרופנ: „זאָל לעבנ דער פּאַרטייִדיקער פונעמ פּויערטומ!").

כ׳ ערנאנדעס, אנ ארבעטער א מאליער, איז געווענ באַפּולער אינ אונדזער פּארטיי אונ אינ די מאסנ נאָכ איידער ער איז געוואָרנ בילדונגס־מיניסטער. זײַנ ארבעט אינעמ בילדונגס־מיניסטעריומ, די ארבעט צווישנ דער אינטעליגענצ, זײַנ אגיטאטאָרישער טאלאנט האָט אימ געמאכט פאר איינער פונ די פּאָפּולערסטע פיגורנ פונ אונדזער פּארטיי. מיט זײַנ טעטיקײַט האָט ער דערוויזנ אינ דער פּראקטיק, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ די בעסטע פּארטייִדיקער פונ דער וויסנשאפט, פונ דער קונסט אונ פונ דער ליטעראטור. ווער פונ די אינטעליגענטנ, פונ די טוער פונ דער קונסט אונ פונ די וויסנשאפט־לײַט, — ווער פונ די אנטיפאשיסטנ קענ דאָס ניט דעמ כ׳ ערנאנדעס, זײַנ ארבעט אינעמ בילדונגס־מיניסטעריומ? אנ ארבעטער א מאליער, האָט ער אינ עטלעכע כאָדאָשימ אויפגעטאָנ אינעמ בילדונגס־מיניסטעריומ א גרעסערע ארבעט, איידער אלע בילדונגס־מיניסטאָרנ פאר אימ אינ א סאכ יאָרנ (שטורמישע, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטנ. אויסרופנ: „זאָל לעבנ כ׳ ערנאנדעס!“).

אונ כ׳ קארטאָנ, דער מאדרידער קארטאָנ, וואָס איז אדאנק זײַנ ארבעט צווישנ די פויערשע מאסנ אינ עסטרעמאדורע געוואָרנ איינע פונ די סאמע פּאָפּולערע פיגורנ! איצט איז ער דער סאמע באליבטער פונ די בריגאדע־קאָמאנדירנ. דער כ׳ קארטאָנ, אנ ארבעטער א דרוקער, צייכנט זיכ אויס מיט באשיידנקייט אונ אקטיווקייט. דאָס איז אנ ארבעטער, וואָס פארגעסט וועגנ זיכ, ווי אלע מיטגלידער פונ אונדזער פּארטיי, וואָס איז אומעטומ אפ אנ אָרט. די פאָלקס־מאסנ האָבנ אימ ליב פאר זײַנ פיליאָריקער טעטיקײַט אינ די רייענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג, זיי ליבנ אימ פאר זײַנ פאָריקער אונ איצטיקער טעטיקײַט, זיי ליבנ אימ פאר זײַנ גרענעצלאָזער־טרײַהייט דעמ אנטיפאשיזמ (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ).

מיר האָבנ נאָכ דעמ כאווער טשעקא. ווו עס איז נאָר נייטיק אָרגאניזאציאָנעלע הילפ, אפנ פראָנט צי אינ הינטערלאנד, אײַלט כ׳ טשעקא צו קומענ צו הילפ, דערלייזנדיק אָרגאניזאציאָנעלע פראגנ אונ געבנדיק נייטיקע אָנווײַזונגענ (דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטנ).

כ׳ מיכע איז אנ אומדערמידלעכער קעמפער פאר דער פּראָפּאַריִישער אײַנהייט, אונ איצט — געהילפ אינעמ מיליטערישנ הויפט־קאָמיסאר. מע קענ אימ סײַ אינ הינטערלאנד סײַ אפנ פראָנט.

די אַלע כאַװײרים זײנענ ניט קײן אױסנאַם אינ אונדזער פּאַרטײ (דױ ע ר נ ד י ק ע אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ. אױ ס ר ו פ נ: „זאָל לעבנ כ' כאָזע דיאַס!"). װענ מיר זאָלנ זיכ נעמענ איבערעכענענ אַלע כאַװײרימ, װאָס אַרבעטנ אינ די געגנטלעכע אונ אינ די ראַיאָנע קאָמיטעטנ, װאָלטנ מיר געקאָנט אָנרעכענענ א כאַכ א גרעסערע צאָל מענטשנ, װאָס זײנענ פּאָפּולער צװישנ די ברײטסטע מאַסנ. מע טאָר אָבער ניט ניט דערמאָנענ װעגנ דעמ מאַדרידער קאָמיטעט. דער מאַדרידער קאָמיטעט איז געװענ דער אָרגאַניזאַטאָר פונ די שלאַכט-קרעפטנ, װאָס האָבנ געהאָלפנ אינ די אומרויִקע טעג פונ נאָיאַבער צו זיכערנ די פאַרטײדיקונג פונ דער הױפּטשטאָט פונ דער רעפּובליק. אינ דעמ דאָזיקנ קאָמיטעט גײענ אַרײנ כאַװײרימ, װאָס האָבנ זיכ אַרױסגערוקט אינ דעמ אָנגעשטרענגטנ מאָמענט פונ דער פאַרטײדיקונג פונ מאַדריד, װענ עס איז געפּרוּװט געװאָרנ אינ דער פּראַקטיק די עמעסע טרײַהײט פונ די רעװאָליוציאָנערנ. װײניק כאַװוּסטע פאַר דער מילכאָמע, זײנענ די דאָזיקע כאַװײרימ איצט באַװוּסט דער גאַנצער פּאַרטײ, אַלע אַנטיפאַשיסטנ, אונ פריִער פאַר אַלצ — אַלע קעמפּער אױפנ מאַדרידער פראָנט אונ אױפ די אַנדערע פראָנטנ. צװישנ זײ געפינט זיכ דער כ' אַנטאָנ, דער סעקרעטאַר פונ געגנט-קאָמיטעט (אױ ס ר ו פ נ: „זאָל לעבנ דער מאַדרידער געגנט-קאָמיטעט אונ דער כ' אַנטאָנ!"). דאָס זײנענ די כאַװײרימ דיִעגאָ אונ כיראָנ, װאָס זײנענ דאָ בײַוועזנד (אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). דאָס זײנענ די כאַװײרימ גלאָריאַ אונ סיערא (אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). די דאָזיקע מענטשנ זײנענ דער שטאָלצ פונ אונדזער גאַנצער פּאַרטײ.

ענדלעכ, האָבנ מיר א גרױסע קאָמוניסטישע פּאַרטײ, איר צענטראַל-קאָמיטעט, װאָס זײנ האַרצ פּולסירט אינ אײניקאָנ מיט די מאַסנ, א צענטראַל-קאָמיטעט, װאָס קאָנ ריכטיק אָריענטירנ די פּאַרטײ אונ די מאַסנ. אינ אונדזערע הענט געפינט זיכ א געצײג, װאָס מיט זײנ הילפ האָבנ מיר אױסגעשמידט דעמ גרױסנ אַנטיפאַשיסטישנ בלאָק, אונ מיר װעלנ אױסשמידנ דעמ בונד פונעמ גאַנצנ שפּאַנישנ פאָלק — אָט דעמ נײטיקנ באַדינג פאַרנ ניצחונ.

# מיר וועלנ זיגנ!

קעדײַ צו געווינענ די מילכאָמע, וואָס מע האָט אונדז אָנגעבונדנ, וועט מענ מוזנ אריבערטראָגנ נאָכ א סאַכ לײַדנ, ברענגענ נאָכ א סאַכ קאָרבאָנעס. דער קאַמפּ וועט זײַנ א אײַנגעשפּאַרטער אונ א לאַנגדויערנדיקער. דער צווישנפֿעלקערלעכער פֿאַשיזמ קאָנ אונדז געבנ שווערע קלעפּ. אָבער, ניט געקוקט דערויפֿ, גלייבנ מיר טיפֿ אינ דער קאַמפֿספֿייִקײַט פֿונ אונדזער פֿאָלק, אונ דעריבער זײַנענ מיר איבערצײַגט, אז מיר וועלנ זיגנ. מיר וועלנ זיגנ, ווײַל מיר קעמפֿנ ניט נאָר פֿאַר אונדזער זאַכ, פֿאַר דער זאַכ פֿונ אונדזער לאַנד, נאָר פֿאַר דער זאַכ פֿונ דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט, מיר וועלנ זיגנ, ווײַל אונדז איז גאַראַנטירט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, מיר וועלנ זיגנ, ווײַל די העראָישע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, אינ וועלכע עס געפֿינענ זיכ די בעסטע זינ פֿונעמ וועלט-פּראָלעטאַריאַט, די בעסטע פֿאָרשטייער פֿונ דער דעמאָקראַטיע, קעמפֿנ האַנט בײַ האַנט מיט אונדז, דערווײַזנדיק אינ דער ווירקלעכקײַט זייער סאָלידאַרישקײַט. די קאָמוניסטישע ברודער-פּאַרטייענ פֿונ פֿראַנקרײַכ, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, איטאַליע אאַוו. האָבנ אונדז געגעבנ גרויסע הילפֿ, אונ איכ בינ זיכער, אז זיי וועלנ פֿאַרשטאַרקנ די קאַמפּאַניע פֿונ סאָלידאַרישקײַט מיטנ שפּאַנישנ פֿאָלק, אז אינ פֿאַל אויב עס וועט אײַנגעשטעלט ווערנ דער אויסגערופֿענער קאָנטראָל, זאָלנ די אַרבעטער אונ די דעמאָקראַטישע קויכעס פֿונ זייערע לענדער ניט נאָר ניט אָפּשוואַכנ זייער הילפֿ, נאָר פֿאַרקערט, זיי זאָלנ זי פֿאַרשטאַרקנ, ווײַל די פּאַרטיידיקונג פֿונ שפּאַניע איז אויכ די פּאַרטיידיקונג פֿונ זייערע אייגענע פֿעלקער.

מיר וועלנ זיגנ, ווײַל, ווי כ' דימיטראָוו האָט געשריבנ:

„דער ניצאָכנ פֿונעמ שפּאַנישנ פֿאָלק איבער די פֿאַשיסטישע רעאַקציאָנערנ אונ די פֿאַשיסטישע אינטערווענטנ אונ דאָס אײַנשטעלנ א פֿעסטנ רעפּובליקאַנישנ פּאַרלאַמענטאַריש-דעמאָקראַטישנ רעזשימ, וואָס שטיצט זיכ אויפֿנ פֿאָלקס-פֿראָנט, וועט אנטשיידנ ארונטערײַסנ די מאַטעריעלע אונ די פּאָליטישע באַזע פֿונעמ פֿאַשיזמ אינ שפּאַניע, וועט ברענגענ צו דער ווײַטערדיקער באַהעפֿטונג פֿונ די דעמאָקראַטישע קויכעס אינ פֿראַנקרײַכ, אינ ענגלאַנד אונ אינ די אַנדערע לענדער, וווּ דער פֿאַשיזמ שאַפֿט

א געפאר פונ פארניכטנ די דעמאָקראטישע רעכט אונ פרייהייטנ, וואָס די פעלקער האָבנ אויסגעקעמפט.״ [1]

די איטאליענישע אונ די דייטשישע פאשיסטנ קלייבנ זיכ פארשטארקנ די הילפ פאר די שפאנישע בונטאָווששיקעס מיט מענטשנ אונ קריגס־מא־טעריאלנ, אונ דאָס שאפט א געפאר פונ א נייער גרויסער מילכאָמע. וועט די אינטערנאציאָנאלע דעמאָקראטיע ווידער אָפּטרעטנ פארנ אָנדראנג פונ די פאשיסטנ? מיר האָפנ, אז ניט. אונ די דאָזיקע האָפענונג באזירט זיכ דערויפ, וואָס אונדזערע ברודער־פארטייענ אינ מיטארבעט מיט דער דעמאָקראטיע וועלנ קאָנענ פאָדערנ פונ זייערע רעגירונגענ, זיי זאָלנ געבנ א פארדינטנ ווידערשטאנד דייטשלאנד אונ איטאליע, וואָס שטעלנ איצט געפאר די אינטערעסנ פונ פראנקרייכ, ענגלאנד אונ פונ אלע דעמאָקראטישע לענדער אינ דער וועלט (שטורמישע אפּלאָדיס־מענטנ).

מע וויל אונדז פארשפארנ אינ אונדזער לאנד אונטערנ אויסרייד, אז דאָס וועט קלוימערשט פארגיכערנ דעמ סאָפ פונ דער מילכאָמע. מיר ווילנ קיינ זאכ ניט אזוי הייס, ווי ענדיקנ וואָס גיכער די מילכאָמע. אָבער זי מוז זיכ ענדיקנ מיטנ זיג פונ דער פאָלקס־זאכ, ווייל דאָס איז א גע־רעכטיקע, א גרויסע זאכ. אנדעריש קאָנ די מילכאָמע זיכ ניט ענדיקנ. פאר אונדזערע אויגנ איז דער ביישפיל פונעמ ראטנפארבאנד, פונעמ גרויסנ ברודער־לאנד, וואָס האָט באוויזנ בייצוקומענ אלע שוועריקייטנ אונ באזיגנ סיי די אינערלעכע סיי די אויסערלעכע פיינט. דער העראָיזמ פונעמ שפאנישנ פאָלק באווייזט, אז מיר וועלנ קאָנענ נאָכטאָנ דעמ דאָ־זיקנ ביישפיל, מיר וועלנ זיגנ, ווייל אפ אונדזער זייט איז דער ראטנ־פארבאנד — דער סימבאָל פונ דער באפרייונג פונ אלע אונטערדריק־טע פעלקער (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ. אויסרופנ: „לעבנ זאָל דער ראטנפארבאנד אונ כאווער סטאלינ!״).

כאווערימ, מיטגלידער פונ צענטראל־קאָמיטעט אונ פונעמ פאר־ברייטערטנ פלענומ! די אלגעמיינע קאָנטורנ פונ דעמ, וואָס מע דארפ טאָנ צו זיכערנ דעמ ניצאָכנ, זיינענ אָנגעמערקט, איכ בינ זיכער, אז מיט אייער אָנטייל וועלנ מיר אויסוויילנ דעמ וועג, וואָס וועט ברענגענ

1 „פראוודא״ פונ 1 יאנוואר 1937 י.

צומ ניצאָכנ. איכ זאָג נאָכאַמאָל, אונדזער פאַרברייטערטער פּלענומ טאָר ניט זײַנ קײנ פּלענומ בלויז פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ: אונדזער פּלענומ דאַרפ ווערנ דער פּלענומ פונ די ברייטע פאָלקס-מאַסנ פונ גאַנצ שפּאַניע.

מיר בלײַבט נאָר איבער צו זאָגנ: באַווײַרומ, פאָרויס! זאָל לעבנ די אײנהײט פונ שפּאַנישנ פאָלק אונ זײַנ קאַמפ קעגנ פאַשיזמ!

זאָל לעבנ דער אַנטיפאַשיסטישער פאָלקס-פראָנט!

זאָל לעבנ אונדזער רומפולע קאָמוניסטישע פּאַרטײ!

זאָל לעבנ אונדזער רומפולער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האַלט פעסט די פאָנ פונ מאַרקס—ענגעלס—לענינ—סטאַלינ!

פאָרנ ניצאָכנ פונ דעמ פאָלקס-געווער!

פאַר אַ בליענדיקער אונ גליקלעכער שפּאַניע! (די אַודיטאָריע ענטפערט דעמ רעדנער מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ, אונ כ' דיאַס פאָרטראָג פאַרענדיקט זיכ מיט אַ לאַנגדויערנדיקע, רוישיקע אָוואַציע).

„פרענטע ראָכאָ” פונ 15 מארט 1937.

# די פּאַרטיי אינ אָנגעזיכט פונ דער מילכאָמע אונ דער רעוואָליוציע

א רעדע אפ א מיטינג אינ וואלענסיע דעמ 9 מײַ 1937. אינ צוזאמענהאנג מיט די געשעענישנ אינ קאטאלאָניע

באוויירימ אנטיפאשיסטנ!

מיר זײַנענ געקומענ אהער, ווײַל מיר ווילנ, אז אלע אנטיפאשיסטנ פונ שפאניע זאָלנ וויסנ, ווער מיר זײַנענ, וואָס מיר ווילנ אונ וווהינ מיר גייענ. מיר ווילנ, אז ניט די קאָמוניסטנ אליינ, נאָר דאָס גאנצע פאָלק זאָל אינ דעמ דאָזיקנ שווערנ מאָמענט פאר שפאניע אליינ אורטיילנ וועגנ דער ריכטיקייט פונ דער פאָליטישער ליניע, וועגנ דער טאקטיק אונ דער טעטיקייט פונ אונדזער פארטיי. מיר ווילנ, אז אָפּ־שאצנדיק די פאָליטישע ליניע פונ אונדזער פארטיי, זאָל דאָס גאנצע פאָלק זאָגנ זײַנ וואָרט אויכ וועגנ די אנדערע פארטייענ.

עס קומט פאָר א סיסטעמאטישע גידערטרעכטיקע העצ־קאמפאניע קעגנ אונדזער פארטיי. דאָס ברענגט צו דער אָפּשוואכונג פונעמ פאָלקס־

פראַנט און בעמיילע דערווייטערט דאָס פון אונדז דעם גיצאָכן. דאָס האָט אונדז געצוואונגען צו זאָגן נאָכאַמאָל פון דער דאָזיקער טריבונע וועגן אונדזער פּאָזיציע אין די פראַגן פון מילכאָמע און רעוואָליוציע.

אונדזער פּאַרטיי אַרבעט אומדערמידלעך, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיינע קאָרבאָנעס קעדיי צו זיגן, ווייל ווען מיר וועלן געווינען די מילכאָמע, — און איך מיין ניט, אַז מע דאַרף דאָס אַ סאַך מאָל איבערכאַזערן, — וועלן מיר אויך געווינען די רעוואָליוציע.

## אויב עס וועט ניט געווונען ווערן די מילכאָמע, וועט ניט זיין קיין רעוואָליוציע

אויב עס וועט ניט געווונען ווערן די מילכאָמע, וועט אומקומען די רעוואָליוציע. די מילכאָמע און די רעוואָליוציע זיינען פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער ניט צו צעשיידן. ביידע זיינען זיי נאָר צוויי אַספּעקטן פון איין און דער זעלבער דערשיינונג. מיר זאָגן נאָכאַמאָל: אויב מיר וועלן ניט געווינען די מילכאָמע, איז אַפילו ניטאָ וואָס צו קלערן וועגן דער רעוואָליוציע.

מיר ווילן ניט קיין ווערטער, נאָר מייסים, און מיר וועלן אייך ווייזן, ווי מיר האָבן געהאַנדלט און ווי עס האַנדלען אַנדערע.

אַזוי ווי אייניקע נעמען אין ספק אונדזער רעוואָליוציאָנערע פאַראַנטוועטהייט, זיינען מיר געצוווּנגען צו דערציילן נאָכאַמאָל וועגן איר, וועגן אונדזער ראָליע אין דער רעוואָליוציע. מיר וועלן דערווייזן מיט פאַקטן, אַז אונדזער פּאַרטיי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן בא אַ קאָנסעקווענטער רעוואָליוציאָנערער ליניע און האָט אין יעדן עטאַפּ אָנגעווענדט איר טאַקטיק צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

## די פרײַערדיקע עטאַפּן פון אונדזער פּאָליטיק. אין 1934 האָט זיך דערהערט א מעכטיקע שטים — די שטים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

מע מוז כאָטש פאַרבײַגײענדיק אָפּשטעלן זיך אַף דעם וועג, וואָס די פּאַרטיי האָט אויסגעוויילט, קעדיי דאָס פאָלק זאָל זיך איבערצײַגן אין דער ריכטיקייט פון אונדזער פּאָליטיק. דאָס, וואָס מיר פלעגן זאָגן, פלעגט, צום באַדויערן, דורכגעפירט ווערן אין לעבן מיט א פאַרשפּעטיקונג אַף א האַלב יאָר צי אַף א יאָר. אָבער ווײַטער טאָר עס אַזוי ניט זײַן. מיר ווילן דערווײַזן די גערעכטיקייט פון אונדזער פּאָליטיק. מיר ווילן, אַז עס זאָל טייקעף אָנערקענט ווערן פאַר ריכטיק דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק, ווײַל איצט האָבן מיר צו טאָן מיט סוינע אין די שוצגראָבנס און אין הינטערלאַנד; מע דאַרף אים פאַרניכטן, אויב מיר ווילן ווירקלעך געווינען די מילכאָמע.

קעדיי צו דערווײַזן, אַז די טאַקטיק פון אונדזער פּאַרטיי האָט שטענדיק אָנטשפּראָכן די פאָדערונגען פון דער סיטואַציע, וועל איך זיך קורץ אָפּשטעלן אַף דער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד נאָך דער אָקטיאַבער-באַוועגונג פון 1934. נאָך די גרויסע קאָרבאָנעס, וואָס דער שפּאַנישער פּראָלעטאַריאַט, דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט געבראַכט, איז די דאָזיקע באַוועגונג דערשטיקט געוואָרן. און אָט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די זאַך פון די אַנטיפאַשיסטן, די זאַך פון די אַרבעטנדיקע פון גאַנץ שפּאַניע איז פאַרשפּילט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווילדע רעפּרעסיעס, ווען בלוט האָט באַפלעקט די גאַסן פון שפּאַניע, באַזונדערס פון אַסטוריע, — דעמאָלט האָט א קלונג געטאָן א מעכטיקע שטים.

איר געדענקט זי! די שטים, וואָס האָט א דונער געטאָן אין דעם דאָזיקן טראַגישן מאָמענט, איז געווען די שטים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (אַפּלאָדיסמענטן).

מיר האָבן געזאָגט אין אונדזער ווענדונג צום פאָלק: „די זאַך פון די אַרבעטנדיקע איז ניט פאַרשפּילט“. יאָ, מיר האָבן דאָס געזאָגט. ווער געדענקט ניט די גאַסן פון שפּאַניע אין יענע שווערע מאָמענטן

וואָס האָט ניט געהאַט צו זיכ קיינ גלויבנ? ווער געדענקט ניט די ווילדע פאַרפאָלגונגענ? אָבער פונדעסטוועגנ זיינענ די גאַסנ פונ שפאַניע געווענ פול מיט בלעטלעכ, אויפרופנ, אונטערערדישע אויסגאַבנ. וועלכע פאַר־טיי, וועלכע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט די דאָזיקע אויפרופנ? דאָס איז געווענ די קאָמוניסטישע פאַרטיי (אַ נ אָ וו אַ צ י ע).

מיר האָבנ זיכ געווענדט צו די מאַסנ. — דערלויבט מיר דאָס צו פאַרצייכענענ, קעדיי צו קומענ נאָכדעמ צו פראַקטישע אויספירנ פונ היינטיקנ טאָג. די גאַנצע אומלעגאַלע ליטעראַטור איז געווענ געווענדט צום פאָלק. מיר האָבנ אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטנ צו געווינענ דעמ צוטרוי פונ די מאַסנ אינ דער צייט, ווענ פילע האָבנ שוינ געהאַלטנ די דאָזיקע מאַסנ פאַר צעשלאָגנ. אַדאַנק אונדזער אַרבעט האָבנ זיכ די מאַסנ אויפגעכאַפט, זיי האָבנ אָנגעהויבנ פאַרשטיינ די נייטיקייט צו פאַ־רייניקנ די אַרבעטער מיט אַלע אַנטיפאַשיסטישע קויכעס. אונדזער פאַרטיי האָט אויסגענוצט דעמ מאָמענט, ווענ דער סוינע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרנ איבער דער אויפלעבונג פונ דער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט צונויפגערופנ אַ גרויסנ מיטינג אינ קינאָ „מאָנומענטאַל“. דאָס איז געווענ אינ יול 1935. מיר האָבנ זיכ געווענדט צו דער באַפעל־קערונג פונ מאַדריד. מיר האָבנ זיכ געווענדט צום גאַנצנ שפאַנישנ פאָלק, קעדיי צו זאָגנ אים: עס האַנדלט זיכ נאָר וועגנ אַ צייטווייליקער מאַפאָלע. מע דאַרפ איבערגריפנ די קויכעס, באַהעפטנ אינ איינ בלאָק די אַרבעטער, די פויערימ און אַלע אַנטיפאַשיסטנ.

אויפ דעמ דאָזיקנ מיטינג האָט זיכ די קאָמוניסטישע פאַרטיי גע־ווענדט צום פאָלק מיט אַזוינע ווערטער:

„אַרבעטנדיקע פונ שפאַניע, אַנטיפאַשיסטנ! עס איז פאַראַנ אַנ אויס־וועג פונ דער געשאַפענער שווערער לאַגע, און דער דאָזיקער אויסוועג באַשטייט אינ דער באַהעפטונג פונ אַלע אַרבעטנדיקע אינ די רייענ פו־נעמ איינהייט־פראָנט. זאָלנ זיכ פאַראייניקנ אַלע אַרבעטנדיקע, אַלע רע־פובליקאַנער, דאָס גאַנצע קליינבירגערטומ, אַלע אַנטיפאַשיסטנ, ווייל דאָס איז דאָס איינציקע מיטל צו זיגנ“.

מיר האָבנ געוואָרפנ דעמ לאָזונג פונ פאָלקס־פראָנט. אונדז האָט מענ געענטפערט, ניט פאַרשטייענדיק די גאַנצע וויכטיקע באַדייטונג פונ דעמ דאָזיקנ לאָזונג: דאָס איז אַ מאַנעוור פונ איינער זייט. פונקט

אזוי כאַראַקטעריזירט מענ איצט אַנדערע מאָסמיטלענ, וואָס מיר לייגנ פאָר.

אָבער דאָס לעבנ האָט באַוויזנ, אַז דאָס איז געווענ ניט קיינ מאַנעוור, נאָר אַ קאָמוניסטישע נייטיקייט. אָנ דער פאַראייניקונג פונ אַלע קרעפטנ, וואָלט מענ זיכ ניט געקאָנט סופּראַווענ מיט דער רעאַקציע, וואָס האָט געהערשט אינ שפּאַניע. אונ ערשט דעמאָלט, ווענ די רעאַקציע איז געווענ בײַ דער מאַכט אונ עס האָט זיכ פונדעסטוועגנ געברייטערט די פראָלעטאַרישע באַוועגונג אינ שפּאַניע, ערעוו די וואַלנ, האָבנ אַלע פאַרשטאַנענ, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווענ גערעכט אונ דער פאָלקס-פראָנט איז נייטיק. ווענ מיר וואָלטנ געגאַנגענ צו די וואַלנ צעשיידט, ווי אינ 1933, וואָלט שפּאַניע דערוואַרט אַ טראַגישער סאָפ. דער פײַנט — די רעאַקציע, דער פאַשיזמ — וואָלט אָפּגעהאַלטנ אַ ניצאָכנ בײַ די וואַלנ, אונ דעמאָלט — ווי וואָלט געווענ דעמ שפּאַנישנ פאָלק: אימ וואָלט געטראָפנ דער גורל פונ דעמ דײַטשישנ פאָלק, פונ דעמ איטאַליענישנ פאָלק, פונ די אַלע פעלקער, וואָס לעבנ אונטערנ יאָכ פונעמ פאַשיזמ!

אינ רעזולטאַט פונ דער מאַס-אײַנהייט פונ אַלע פאָלקס-קרעפטנ האָט דאָס גרויסע, העראָישע פאָלק פונ שפּאַניע, ניט געקוקט אַפ דעמ פאַראַנענזײַנ פונ אַ רעגירונג, וואָס האָט געשטיצט די רעאַקציע, וואָס האָט פאַרפאָלגט די קעמפער פונעמ פאָלקס-פראָנט אונ האָט געהאָלפנ אונדזערע פײַנט, פאַרשטאַנענ די קאָמפּליצירטקייט פונ דער לאַגע אונ האָט געשטימט פאַרנ פאָלקס-פראָנט. דאַנק דער שאַפונג פונעמ אַנטי-פאַשיסטישנ בלאָק האָבנ מיר אָפּגעהאַלטנ אַ גרויסנ זיג, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל נוצנ דעמ פראָלעטאַריאַט אונ אַזויפיל רומ דעמ שפּאַנישנ פאָלק.

גלײַכ נאָכ דעמ דאָזיקנ ניצאָכנ האָבנ די, וואָס האָבנ פריער ניט פאַרשטאַנענ די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פונעמ פאָלקס-פראָנט פאַרנ קאַמפּ קעגנ דעמ פאַשיזמ, געמאָלדנ: „מיר האָבנ אָפּגעהאַלטנ אַ זיג איבער דער רעאַקציע. דער פאָלקס-פראָנט האָט פאַרענדיקט זײַנ מיסיע. דער פאָלקס-פראָנט האָט מער ניט וואָס צו טאָנ אינ שפּאַניע”. אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געענטפערט אַפ דעמ אינ דער פּרעסע, אינ אויפרופנ, אַפ די מיטינגענ: „כאַווײרימ סאָציאַליסטנ, רעפּובליקאַנער,

אַנאַרכיסטן, — אַנטיפֿאַשיסטן! ווי קאָן מען האַלטן די שלאַכט פֿאַר געוווּנען, אויב מע האָט אָפּגעהאַלטן ניט מער ווי אַ וואַל־זיג? פֿאַרשטייט איר דען ניט, אַז נאָך דעם האַזיקן ניצחון איז די רעאַקציע פֿאָרט שטאַרק, און נאָר ווען מיר וועלן פֿאַרניכטן די מאַטעריעלע און די סאָציאַלע באַזע פֿון דער רעאַקציע, וועלן מיר קאָנען באַפֿרייען זיך פֿון דעם האַזיקן געפֿערלעכן סוינע?" מיט גרויס מי האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויפֿצוהיטן דעם פֿאָלקס־פֿראָנט. אָבער פֿונדעסטוועגן האָט דער סוינע געקאָנט גיין אַפֿן שטורעם דעם 18 יולי, אויסנוצנדיק דאָס געווער, וואָס די רעפּובליק האָט אים אַליין געגעבן אין האַנט.

## פֿאַרוואָס איז מעגלעך געווען דער פֿאַשיסטישער בונט?

ווייל מע האָט ניט גענומען אין אַכט דאָס, וואָס אונדזער פּאַרטיי האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף מאַכן אַ סוף צו דער פֿאַשיסטישער געפֿאַר, ליקווידירן די מאַטעריעלע באַזע פֿון דער רעאַקציע. מיר האָבן דאָס אָנגעוויזן דעם פֿאָלקס־פֿראָנט און דער רעגירונג. ווער געדענקט ניט אונדזערע דעמלטיקע רעדעס אין פּאַרלאַמענט. און פֿריִער פֿאַר אַלץ די באַרימטע רעדע פֿון דער כאָוועדטע דאָלאָרעס?

מיר האָבן געזאָגט: „דער סוינע איז ניט באַזיגט. פֿאַרוואָס? ווייל די פּריצים זײַנען נאָך באַלעבאַטים פֿון דער ערד, די באַנקירן בלײַבן די באַלעבאַטים פֿון די בענק און אָפּערירן מיט גרויסע קאַפּיטאַלן קעגן די אינטערעסן פֿון פֿאָלק; די אַרמיי געפֿינט זיך נאָך אין די הענט פֿון רעאַקציאָנערע פֿאַשיסטישע און מאָנאַרכיסטישע עלעמענטן; די קירכע איז נאָך אַן עקאָנאָמישע און אַ פּאָליטישע מאַכט, וואָס מישט זיך אַרײַן אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם לאַנד". און מיר האָבן געמאָלדן: „אַט די דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אויסגעקעמפֿט בײַ די וואַלן, דאַרף נעמען אין אַכט די דערפֿאַרונג פֿון דער רעפּובליק פֿון 1931, וואָס האָט ניט פֿאַרניכטעט די מאַטעריעלע און די סאָציאַלע באַזע פֿון דער רעאַקציע און האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו אונטערדריקן ווידער דאָס שפּאַנישע פֿאָלק, די שפּאַנישע אַנטיפֿאַשיסטן".

און נאַטירלעך, אַזוי ווי מע האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז די פּאַרע־

רונג צו ליקווידירנ די מאַטעריעלע אונ די סאָציאַלע באַזע פונ דער רעאַקציע זאָגט איידעס וועגנ דעמ עקסטרעמיזמ פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָט מענ דאָס ניט געטאָנ, אונ זיי, אונדזערע פיינט, די פיינט פונעמ פאָלק, האָבנ מיט דעמ געלט פונ די בענק, פונ די פריצימ, פונ דער קירכ, אינעמ בונד מיט די פאַשיסטישע מיליטאַריסטנ באַוויזנ צוגרייטנ די אויסטרעטונג פונ 18 יול, וואָס האָט געקאָסט אַזויפיל בלוט דעמ שפאַנישנ פאָלק.

## די ראָבנ פונ דער רעוואָליוציע

פאַרוואָס האָבנ מיר דאָס אַלצ דערמאָנט? ווייל די זעלבע עלעמענטנ, וואָס האָבנ דאָס פריער געלייקנט, זיינענ איצט געצוווּנגענ צו אָנערקענענ, אַז אונדזער פאַרטיי האָט ריכטיק געשטעלט די פראַגנ. אונ ווי נאָר עס הייבנ זיכ אָנ שאַפנ באַדינגונגענ אונ עס צייכענענ זיכ אויס די פערספעקטיוונ פונעמ ניצאָכנ, הייבנ זיכ שוינ אָנ דרייענ איבער דער רעוואָליוציע ראָבנ, וואָס ווילנ אויסרייסנ בא איר די דעראָבערונגענ, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די אינטערעסנ פונעמ שפאַנישנ פאָלק. פאַרוואָס? ווייל זיי האַלטנ, אַז די זאַכ איז שוינ געוווּנענ. ניינ, כאַוויירימ! אונדז שטייט נאָכ פאָר א לאַנגער וועג. דער פיינט איז שטאַרק אונ מעכטיק. אונ בלויז אינ דעמ פאַל, אויב מיר וועלנ קאָנענ אָרגאַנעזירנ אונדזערע קויכעס אונ אונדזערע רעסורסנ, פאַרפעסטיקנ אונ דיסציפלינירנ אונדזער אַרמיי, וועלנ מיר קאָנענ געווינענ די מילכאָמע. די, וואָס קעמפנ איצט קעגנ אונדזער פאַרטיי, וואָס באַשולדיקנ זי, אַז זי פאַרנעמט זיכ גאָר מיט ווערבירנ, מיט „פראָזעליטיזמ", ווילנ זיכ צונעמענ אַלצ, וואָס דאָס שפאַנישע פאָלק קעמפט אויס. אָבער מיר זאָגנ זיי: אויב איר מיינט, אַז אַלצ איז שוינ דעראָבערט אונ איר פרוּווט ליקווידירנ אָדער צווינגענ ליקווידירנ די קאָמוניסטישע פאַרטיי, קעדיי צו באַקומענ פרייע הענט, איז זייט וויסנ, אַז איר האָט א טאָעס אינ כעזשבנ, ווייל קעגנ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי טאָר מענ ניט קעמפנ אומבאַשטראָפט מיט ניט־ערלעכע מיטלענ. דערויפ וועלנ מיר ניט איינגיינ — ניט מיר, נאָר די ברייטע מאַסנ פונעמ שפאַנישנ פאָלק, וועלכע ווייסנ גוט, וואָס די קאָמוניסטישע פאַרטיי טוט צו פאַרטיידיקנ זייערע אינטערעסנ (אַפלאָדיסמענטנ).

# מאנעווערס קעגנ דער פארטיי

פונ איינ זײַט וויל מענ פאָרשטעלנ די קאָמוניסטישע פארטיי אלס א פארטיי, וואָס וויל מאכנ צונישט די רעוואָליוציע, אלס א פארטיי, וואָס וויל געווינענ די מילכאָמע, אָבער זי רוקט אָפּ די פראגע פונ דער רעוואָליוציע אפנ צווייטנ פּלאנ, וואָס טײַלט אָפּ גלײַכ, ווי דאָס איז מעגלעכ, די מילכאָמע פונ דער רעוואָליוציע. אונ דאָס זאָגט מענ, ווײַל מיר רוקנ ארויס פאָדערונגענ, וועלכע אנטשפּרעכנ דעמ דעמאָקראטישנ כאראקטער פונ דער רעוואָליוציע, ווײַל מיר דערקלערנ דײַטלעכ דעמ כאראקטער פונ דער רעוואָליוציע אינ אונדזער לאנד. איכ וויל דערמאָנענ די אלע פעדאנטנ וועגנ דעמ, וואָס לענינ האָט געזאָגט וועגנ דער פאָלקס-רעוואָליוציע, קעדיי מע זאָל ניט זאָגנ, ווי מע זאָגט שוינ אנעוו, אז מיר קערנ זיכ אויס מיטנ רוקנ צו די גרויסע לערער פונ דער רעוואָליוציאָנערער סטראטעגיע אונ טאקטיק.

די פאָלקס-רעוואָליוציעס, זאָגט לענינ, דאָס זײַנענ די רעוואָליוציעס, ווו די פאָלקס-מאסנ — די קאָלאָסאלע מערהײַט פונעמ פאָלק האנדלענ אקטיוו, ארויסרוקנדיק אייגענע עקאָנאָמישע אונ פּאָליטישע פאָדערונגענ.

אונ איכ פרעג: קומט דענ ניט פאָר דאָס זעלבע אינ שפּאניע? קאָנ מענ דענ אָפּטײלנ די רעוואָליוציע פונעמ זיג אינ דער מילכאָמע, אָדער אפילע פונ דער פאנאנדערוויקלונג פונ דער מילכאָמע? ווענ מע זאָגט, אז מיר קלוימערשט ווילנ ניט מאכנ די רעוואָליוציע איינצײַטיק מיטנ פירנ די מילכאָמע, פרעג איכ: זײַנענ דענ פאראנ אפ אונדזער טעריטאָריע גרויסע פּריצימ, גרויסע קאפּיטאליסטנ, גרויסע באנקירנ? זײַנענ דענ פאראנ אפ אונדזער טעריטאָריע די, וואָס האָבנ אָרגאניזירט א בונט קעגנ דער רעפּובליק, קעגנ דעמ פאָלק? בלײַבנ דענ די גרויסע אינדוסטריעלער, וואָס האָבנ אָרגאניזירט א בונט קעגנ דעמ פאָלק, — בלײַבנ זיי דענ נאָכ באלעבאטימ פונ די אונטערנעמונגענ? ניינ, זיי זײַנענ פארשוווּנדנ, אונ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ געפינענ זיכ אינ די הענט פונ דער מעלוכע אָדער אינ די הענט פונ די ארבעטנדיקע. הייסט דענ דאָס ניט מאכנ די רעוואָליוציע? זײַנענ דענ דאָס ניט קיינ רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראטישע דעראָבערונגענ? אָדער אנ אנדערשמאָל זאָגט מענ, אז מיר זײַנענ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערנ, ווײַל מיר פאָדערנ, אז

די גרויסע פאבריקנ זאָלנ נאציאָנאליזירט ווערנ אונ די ארבעט אינ די אונטערנעמונגענ זאָלנ קאָנטראָלירנ קאָמיטעטנ, וואָס די ארבעטער אליינ האָבנ אויסגעוויילט דעמאָקראטיש. אינ וועמעס הענט דארפנ די פאבריקנ זיינ? ווילנ מיר דענ, אז די פאבריקנ זאָלנ געהערנ וועלכע-ניט-איז פארטייענ, גרופנ, פעריזאָנענ אָדער אָרגאניזאציעס? די פאבריקנ, וואָס זיינענ עקספּראָפּריִרט געוואָרנ בא די בונטאָוושטשיקעס, וועלכע האָבנ אָרגאניזירט א בונט קעגנ דער רעפּובליק, געהערנ דער מעלוכע אינ זיינענ דאָס אייגנטומ פונעמ פאָלק, פונעמ גאנצנ פאָלק אונ ניט פונ א וועלכער-עס-איז אָרגאניזאציע אָדער גרופע. אלצ, וואָס איז עקס-פּראָפּריִרט געוואָרנ בא די פאשיסטנ, בא די גרויסע אינדוסטריעלער, די פּיינט פונעמ פאָלק, — דאָס אלצ איז דאָס אייגנטומ פונעמ פאָלק אונ געהערט דעמ פאָלק. מע טאָר נאָר ניט איינשטימענ דערמיט, אז די דאָזיקע פאבריקנ, ווי עס ווילנ די מענטשנ, וואָס פּלוידערנ וועגנ רעוואָ-ליוציע, זאָלנ אריינפאלנ אינ די הענט פונ אייגענעמ פונ אזוינע קאָמיטעטנ, וואָס ווערנ געבילדעט צו עקספּלואטירנ די ארבעטער (א פּ ל אָ-ד י ס מ ע נ ט נ).

## וואָס וויל מענ טאָנ מיט דער רעוואָליוציע אינ דאָרפ?

די רעוואָליוציע אינ דאָרפ. אָבער פּרווט נאָר מיט א שפּאקטיוו אינ האנט געפינענ אפ אונדזער טעריטאָריע א פּאָרעצ. צי איז דענ די ערד, וואָס איז עקספּראָפּריִרט געוואָרנ בא די בונטאָוושטשיקעס, וועלכע האָבנ געמאכט א בונט קעגנ דער רעפּובליק, ניט צעטיילט צווישנ די פויערימ אונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער צו באארבעטנ זי אינדיווידועל אָדער קאָלעקטיוו לויט זייערע אייגענע אינטערעסנ אונ זייער גוטנ ווילנ? מע פאָדערט א גרויסע רעוואָליוציע אונ א גרעסערע דעמאָקראטיע, איידער די, וועלכע איז איינגעשטעלט געוואָרנ נאָכנ פארטיילנ צווישנ די ארבעטנדיקע פונ דאָרפ די ערד פונ די פּיינט פונ דער רעפּובליק אונ וואָס ניט זיי די נייטיקע מיטלענ צו באארבעטנ די ערד קאָלעקטיוו אָדער אינדיווידועל. מע דארפ אויכ ניט פארגעסנ, אז די מעלוכע העלפט מיט זריע אונ מיט געלט די פויערימ, זיי זאָלנ קאָ-נענ באארבעטנ די ערד. אפּאָנעמ, אז די, וואָס פאָדערנ „אנ עכטע רע-וואָליוציע", ווילנ, אז די ערד זאָל אריבער אינ די הענט פונ וועלכער-

עס=איז גרופּע אָדער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל עקספּלואַטירנ די פּויערימ, ווי דאָס פלעגנ פריִער טאָנ די קאַסיקנ אונ די פּריצימ (אויסרופנ: „גאַנצ ריכטיק!"). דאָס איז ניט אונדזער רעוואָליוציע, אונ די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטיצט ניט אַזאַ „רעוואָליוציע". די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וויל אַ ווירקלעכע רעוואָליוציע — אַ רעוואָליוציע, בײַ וועלכער דער פּויער זאָל האָבנ די ערד אונ זאָל זי באַאַרבעטנ, ווײַל זי געהערט אימ, ווײַל זי איז עקספּראָפּריִירט געוואָרנ אונ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אינ רעשוס פונ פאָלק, ווײַל אַלצ, וואָס איז עקספּראָפּריִירט געוואָרנ, געהערט דעמ פאָלק. אָבער אָט קומענ מענטשנ אונ פּרוונ אינ נאָמענ פונ אַנאַרכאָ=קאָמוניזמ אָדער פונ אַנאַרכיזמ מאַכנ אַ „רעוואָליוציע" אויפ זייער שטייגער (א נ אָ וו א צ י ע).

מיר ווילנ דאָס, וואָס עס ווילנ די פּויערימ, די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. זאָלנ זיי אַליינ באַשטימענ, ווי צו באַאַרבעטנ די ערד, אינדיווידועל אָדער קאָלעקטיוו. מיר ווילנ, דאָס אַרבעטס=פאָלק זאָל זאָגנ זײַנ וואָרט וועגנ דער דאָזיקער פראַגע. איכ זאָג „דאָס פאָלק", ווײַל אַזוי ווי מיר רייִדנ שטענדיק וועגנ דער סוווערעניטעט פונ פאָלק, דאַרפ מענ דאָס אויכ פאַרווירקלעכנ אינ דער פּראַקטיק, קעדיי דאָס פאָלק זאָל אַליינ אורטיילנ, ווער עס אַרבעט גוט אונ ווער עס אַרבעט שלעכט.

## אונדזער פאָלקס־אַרמיי

די רעוואָליוציע אונ די מיליטער. אויב מיר וועלנ אַ קוק טאָנ אויפ דער אַרמיי פונ נעכטיקנ טאָג אונ פונ הײַנטיקנ טאָג, וועלנ מיר גלײַכ דערזענ, וואָס די רעוואָליוציע האָט אויפגעטאָנ. ווער האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער אַלטער אַרמיי, מיט דער אַרמיי פונ גרויסע קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ? מיט איר האָט קאָמאַנדעוועט אַ פּריווילעגירטע קאַסטע דעגענערירטע אַריסטאָקראַטנ, מאָנאַרכיסטנ, פאַשיסטנ פונ אַלע קאָלירנ. נאַטירלעכ, האָט די דאָזיקע אַרמיי פאַרטיידיקט די קאַפּיטאַליסטנ, די באַנקירנ אונ די פּריצימ. אונ ווער קאָמאַנדעוועט מיט דער אַרמיי הײַנט? די מיליטערישע קאָמאַנדירנ פונ דער אַלטער אַרמיי, פונ דער אַרמיי, וואָס איז געווענ פײַנטלעכ דעמ פאָלק, וואָס האָט עקזיסטירט צו קעמפנ קעגנ דעמ פאָלק, זײַנענ פאַרביטנ מיט קאָמאַנדירנ, וואָס זײַנענ אַרויס בעמעס פונ די טיפענישנ פונעמ פאָלק אונ וואָס זײַנענ:

פארהאַרטעוועט געוואָרן אין די שוצגראָבנס אין קאַמף קעגן די פּאַניס פון די ארבעטנדיקע. ווער קאָמאַנדעוועט מיט דער איצטיקער ארמיי? (די פאָלגנדיקע שורע איז אויסגעשטראָכן פון דער שפּאַנישער צענזור).

אָבער מיר האָבן שוין די גאַראַנטיע, אַז דאָס געווער געפינט זיך אין די הענט פון די ארבעטער, אין די הענט פון די פויערים און דער גרעסטער טייל קאָמאַנדירן, וואָס זיינען ארויס פון די רייען פונעם פאָלק, וועט אין קיין פאַל ניט אָפּנאַרן דאָס פאָלק.

דאָס זיינען קאָמאַנדירן, וואָס האָבן זיך ארויסגערוקט אַף אַלע פראָנטן און באַוווּנדערט אַפן מאַדרידער פראָנט. איר קענט זיי, און מיר וועט גענוג זיין אָנרופן ליסטער, מאָדעסטאָ קאַמפּעסינאָ, כאָטש איך וואָלט געקאָנט איבערעכענען נאָך אַ סך אַנדערע מיליטערישע פירער, וואָס זיינען ארויסגעקומען פונעם פאָלק. אויסער דעם האָבן אַ סך פראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט פארשטאַנען דעם כאַראַקטער פון אונדזער קאַמף און האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער זאַך פונעם פאָלק, ווי צ. ב. גענעראַל... (די ווייטערדיקע שטייען אויס. עס הערן זיך הויכע אויסרופן: „זאָל לעבן גענעראַל מיאכא!"). יאָ, גענעראַל מיאכא, וואָס פארקערפּערט אין זיך און סימבאָליזירט מיט זיך די דאָזיקע פּלעיאַדע מיליטער־לייט, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיטן באַוווּסטזיין, אַז די זאַך פונעם פאָלק איז גערעכטיק (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן). און איך פרעג: אויב ס'איז פאָרגעקומען אַזאַ ענדערונג, אויב דאָס, וואָס איז פריער געווען די ארמיי פון די קאַפּיטאַליסטן און די פּריצים, איז איצט געוואָרן די ארמיי פונעם פאָלק, וואָס קעמפט צו פארטיידיקן זיינע אינטערעסן, הייסט דען דאָס ניט מאַכן די רעוואָלוציע? אָבער קען אַזאַ ארמיי זאָל ארויסטרעטן צו פארטיידיקן די באַזונדערע אינטערעסן פון באַשטימטע פּאָליטישע גרופּן, זי זאָל זיי העלפן מאַכן זייער באַזונדערע „רעוואָלוציע", ווי עס איז פאָרגעקומען אין איניקע פונקטן פון דער פּראָווינץ לעוואַנט און אַ קורצע צייט צוריק אין קאַטאַלאָניע[1] דאָס וועט ניט זיין... (אַוואַציע).

1 עס האַנדלט זיך וועגן דעם טראָצקיסטיש־פאַשיסטישן פּוטש אין באַרצעלאָנע און וועגן דעם באַוואָפנטן אָנגריף פון די טראָצקיסטן אין איניקע דערפער פון לעוואַנט בייס דעם אָנגריף פון די איטאַליענישע אינטערווענטן אַף גוואַדאַלאַכאַראַ. — רעד.

## ווען מיר וועלן געווינען די מילכאָמע, וועלן מיר געווינען די רעוואָלוציע!

אָט באַרוואָס, ווען מע פּלוידערט אין דער פּרעסע, אַז מיטינגען אָדער ערגעץ-וווּ אַנדערש, אַז די קאָמוניסטן ווילן קלוימערשט אָפּטיילן די מילכאָמע פֿון דער רעוואָליוציע, ענטפֿערן מיר, אַז מע קאָן ניט צעטיילן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ניט צעטיילן. די פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע ווערט געמאַכט איינצײַטיק מיט דער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿון דער מילכאָמע, אָבער מע קאָן ניט מאַכן די רעוואָליוציע, ניט האָבנדיק געוווּנען די מילכאָמע. דעריבער זאָגן מיר: אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג האָט דער מיליטערישער ניצאָכן, ווײַל ווען מיר וועלן געווינען די מילכאָמע, וועלן מיר אויך געווינען די רעוואָליוציע (אַנ אָוואַציע). וואָס ווילן מיר? אַז די דעראָבערונגען, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַרויסגעריסן פֿאַר דער מילכאָמע, זאָלן בלײַבן דאָס אייגנס פֿון פֿאָלק, זאָלן פֿאַרפֿעסטיקט און פֿאַרברייטערט ווערן. וואָס ווילן מיר? מיר ווילן, ווי כ׳ אויבן האָט שוין געזאָגט, אַז פֿריִער פֿאַר אַלץ זאָלן ניט לײַדן קיין הונגער ניט די, וואָס קעמפֿן אויף די פֿראָנטן, ניט די, וואָס אַרבעטן אין הינטערלאַנד. דער דאָזיקער פֿראַגע דאַרף מען אָפּגעבן די מאַקסימאַלע אויפֿמערקזאַמקייט. און ווײַל מיר ווילן צופּאַסן די ווירטשאַפֿט צו די איצטיקע באַדינגונגען און דערשלאָגן זיך, אַז דאָס הינטערלאַנד זאָל אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדזער העלדישן פֿראָנט, זאָגט מען אונדז, אַז מיר ווילן ניט קיין רעוואָליוציע, אַז מיר ווילן דערשטיקן די רעוואָליוציע.

ניין, דערשטיקן ווילן מיר און דערשטיקן וועלן מיר די פֿאַשיסטן — די, וואָס געפֿינען זיך אינעם לאַגער פֿונעם פֿײַנט, די, וואָס זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין אונדזער לאַגער (אַנ אָוואַציע). און ווײַבאַלד מיר האָבן שוין אָנגעהויבן רעדן פֿון די סאָנים, וואָס זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין אונדזערע רייען, וועט שוין זײַן אָפּ אַן אָרט נאָך צען כאַדאָשים מילכאָמע — פֿון דער מילכאָמע, וואָס קאָסט אַזוי טײַער דעם שפּאַנישן פֿאָלק — אָפּצושטעלן זיך אויספֿירלעך אויף דעם, ווער עס שאַפֿט די שוועריקייטן, וואָס שטערן דעם גיכן זיג, ווער עס שטייט הינטער די קלינגענדיקע קלוימערשט רעוואָליוציאָנערע פֿראַזן. קיין פֿראַזן דאַרפֿן מיר ניט. מיר דאַרפֿן מײַסים.

# די טראָצקיסטנ זײַנענ אגענטנ פונעמ פאשיזמ

מע דארפ זאָגנ אָפנ, ווער איז דער גרונט-פײַנט, וועמ סטארעט זיכ ארויסצורופנ מאבלויקעס צווישנ די אָרגאניזאציעס פונעמ פאָלקס-פראָנט, וועלכע ווילנ אונ מוזנ זיכ פאראייניקנ. ווער רופט ארויס אָט די קריגערײַענ, קעדיי אראָפצורײַסנ דעמ פאָלקס-פראָנט? ווער טרעט ארויס קעגנ דער רעגירונג פונעמ פאָלקס-פראָנט, קעגנ דער גאנצער ארבעט, וואָס די אנטיפאשיסטנ פירנ דורכ? עס זײַנענ דאָ פאשיסטנ, וואָס ארבעטנ אונ קעמפנ קעגנ אונדז ניט נאָר אינ די שוצ-גראָבנס, נאָר זיי ווייסנ אויכ אויסצוניצנ, וואָס עס הייסט דעזאָרגאניזירנ דאָט הינטערלאנד, וואָס עס הייסט ארויסרופנ מאבלויקעס אינ די רייענ פונ דער ארבעטער-באוועגונג, צעשפאלטנ דעמ פאָלקס-פראָנט אונ קעמפנ קעגנ דער רעגירונג. אונדזער הויפט-פײַנט איז דער פאשיזמ, די פאשיסטנ. אָבער די פאשיסטנ האָבנ אגענטנ, וואָס ארבעטנ פאר זיי. נאטירלעכ, ווענ די דאָזיקע אגענטנ, וואָס ארבעטנ מיט זיי, זאָלנ אויפ דערקלערנ, אז זיי זײַנענ פאשיסטנ, אונ אלס פאשיסטנ זײַנענ זיי געקומענ אינ אונדזער סוויווע צו שאפנ שוועריקײַטנ, וואָלטנ מיר זיי גיכער ליקווידירט. אָט דעריבער מוזנ זיי ארויסטרעטנ אונטער א פרעמדנ נאָמענ. זיי אָפערירנ אונטער פארשיידענע נעמענ. איינע רופנ זיכ אָנ טראָצקיסטנ; אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ ארבעטנ א סאכ פארמאסקירטע פאשיסטנ, וואָס רעדנ וועגנ רעוואָליוציע, קעדיי ארויסצורופנ מאבלויקעס... (זעקס שורעס האָט אויסגעשטרײַכט די שפאנישע צענזור).

מיר האָבנ שוינ ניט איינ מאָל דעמאסקירט די טראָצקיסטנ — די דאָזיקע אגענטנ פונעמ פאשיזמ. איינציקע אָרגאניזאציעס האָבנ געהאלטנ, אז אונדזער אָגראבמאָגעסדיקער קאמפ קעגנ די טראָצקיסטנ דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס זיי זײַנענ פארטריבנ געוואָרנ פונ אונדזערע רייענ. די פאקטנ האָבנ באוויזנ, אז מיר זײַנענ גערעכט.

אלע ארבעטער דארפנ זײַנ באקאנט מיטנ פראָצעס פונעמ אנטיסאָוועטישנ טראָצקיסטישנ צענטער, וואָס איז פארגעקומענ אינ ראטנפארבאנד. טראָצקי מיט זײַנ אייגענער פערזאָנ האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער באנדע פארברעכער, וועלכע האָבנ אראָפגעוואָרפנ באנ-אראָפ צוגנ אינ

ראטנפארבאנד, האָבנ פראקטיקירט שעדיקערײַ אינ די גרויסע אונטערנעמונגענ, האָבנ געטאָנ אלץ, וואָס מע קאָנ, צו פארעפנטלעכנ די מיליטערישע סודעס, מיטצוטײלנ זײ היטלערנ אונ די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ. דאָס אלץ איז אויפגעדעקט געוואָרנ אפנ פראָצעס, אונ די טראָצקיסטנ האָבנ זיכ מוידע געווענ, אז זײ האָבנ געטאָנ די דאָזיקע מעשים אינ בונד מיט היטלערנ אונ מיט די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ אונטער טראָצקיס אָנפירונג. נאָכ דעמ אלעמ, פרעג איכ אײַכ: איז דענ ניט קלאָר, אז די טראָצקיסטנ זײַנענ ניט קײנ סאָציאלע אָרגאניזאציע, ניט קײנ פּאָליטישע אָרגאניזאציע, ווי צ. ב. די אנארכיסטנ, סאָציאליסטנ אָדער די רעפּובליקאנער, נאָר א באנדע שפּיאָנעמ אונ פּראָוואָקאטאָרנ, וואָס שטײט אינ דינסט באמ צווישנפעלקערלעכנ פאשיזמ? דעריבער מאקע האָב איכ געזאָגט אינ מײַנ רעדע אפ דעמ ניט לאנג פארגעקומענעמ פארברײטערטנ פלענומ פונ צק, אז די דאָזיקע אָרגאניזאציע אינ שפּאניע דארפ מענ פארנאנדערלאָזנ, מע דארפ ניט נאָר פארבאָטנ איר פרעסע אונ ליקווידירנ זי אלס אנ אָרגאניזאציע, נאָר מע דארפ מאכנ אזוי, אז דער טראָצקיזמ זאָל פארטריבנ ווערנ פונ אלע ציוויליזירטע לענדער; מע דארפ דערשטיקנ די דאָזיקע פאסקודע, וואָס האָט זיכ ארײַנגעשארט אינ די רײענ פונ דער ארבעטער־באוועגונג אונ טוט אָנ שאָדנ די ארבעטער, וועלכע זי וויל קלוימערשט באשיצנ. מע דארפ מאכנ א סאָפ צו די טראָצקיסטנ. ווער איז געווענ דער באגײַסטערער פונעמ פארברעכערישנ קאטאלאָנישנ פוטש, אויב ניט די טראָצקיסטנ אינ שפּאניע? די „באטאליא“ איז דעמ ערשטנ מײַ געווענ פול מיט אָפענער העצע צו א פוטשיסטישער איבערקערעניש.

## די אינספּיראטאָרנ פונעמ קאטאלאָנישנ פוטש.
## דאָקומענטאלע באווײַזנ

די „באטאליא“ שרײַבט, אז „די פּאָליטיק פונעמ פאָלקס־פראָנט האָט געבראכט אינ שפּאניע צו דעמ מיליטערישנ בונט אינ 1936“. דאָס אײגענע זאָגט אויכ פראנקאָ: „דער מיליטערישער אופשטאנד איז ארויסגערופנ געוואָרנ איבער דער אויסבילדונג פונעמ פאָלקס־פראָנט“. אונ ניט געקוקט אפ אזא רעכילעס גײט די דאָזיקע צײַטונג פונדעסטוועגנ נאָכ ארויס אינ קאטאלאָניע. מע פארבאָט זי אפ א געוויסער צײַט,

און נאָכדעמ גייט זי ווידער אַרויס „מיט דער דערלויבעניש פונ דער צענזור". פאַרוואָס? ווייל די רעגירונג אַנטשליסט זיכ ניט צו נעמענ זיכ צו איר אַזוי, ווי דאָס פאָדערנ אַלע אַנטיפאַשיסטנ (א נ אָ ו ו א צ י ע). אַלע נומערנ פונ דער „באַטאַליאַ" זיינענ איינ בלויזע העצע צו אַ בונט קעגנ דער רעגירונג פונ דער רעפובליק, קעגנ דעמ גענעראַליטעט, קעגנ אַלע אַנטיפאַשיסטנ. אינ דער צייט, ווענ אַלע אַרבעטנ און גיבנ אָפּ אַלצ צו זיגנ אויפ דער מילכאָמע, ווענ די קריגער קעמפנ מיט אַזאַ העראָיזמ אויפ די פראָנטנ, ווענ עס קומענ אומ אַזויפיל לעבנס, — שאַפנ די מענ-שנ, וואָס רינגענ דעמ פאַשיזמ, אַלערליי שטערונגענ... (צ ע נ ש ו ר ע ס ה אָ ט א ו י ס ג ע ש ט ר י כ נ ד י ש פ א נ י ש ע צ ע נ ז ו ר).

# מע דאַרפ אַנטוואָפענענ די, וואָס ווילנ געבנ אַ קלאַפּ אינ רוקנ דער רעוואָליוציע!

די „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטנ. מיר אַלע ווייסנ, וואָס עס שטעלנ מיט זיכ פאָר די דאָזיקע עלעמענטנ, וועלכע רייסנ אַראָפּ אונדזער אַר-בעט אינ הינטערלאַנד. מע דאַרפ לייגנ אַכטונג אויפ דער פאָלגנדיקער אינטערעסאַנטער צונויפפאַלונג: דאָ גאָר ניט לאַנג, אינ דעמ מאָמענט, ווענ די איטאַליענער האָבנ געפירט אַנ אָנגריפ אויפ גוואַדאַלאַכאַרע, האָבנ מיר זיכ פּלוצלינג אָנגעשטויסנ אויפ דעמ, אַז אינ אַ צאָל דערפער אינ דער פּראָווינצ לעוואַנט זיינענ פאָרגעקומענ באַוואָפנטע אויפשטאַנדנ קעגנ דער געזעצלעכער רעגירונג, קעגנ די אַנטיפאַשיסטנ. אינ דעמ מאָ-מענט, ווענ עס איז געגאַנגענ אַ פאַרביטערטער קאַמפ אויפ גוואַדאַלאַכאַ-רע, ווענ עס האָט זיכ געהאַנדלט וועגנ אַ מעגלעכנ דעסאַנט אינ דער פּראָווינצ לעוואַנט, זיינענ די „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטנ, די דאָזיקע פאַשיסטנ — זאָלנ זיי זיכ רופנ ווי זיי ווילנ, אָבער זיי זיינענ פאַשעט פאַשיסטנ, — אויפגעשטאַנענ מיט געווער אינ האַנט. פּונקט אַזוי איז אויכ איצט, ווענ עס איז געשאַפנ געוואָרנ אַ בעמעס געפערלעכע לאַגע, פונ וועלכער עס איז געלונגענ אַרויסצוגיינ נאָר אַדאַנק דעמ העראָיזמ פונ די באַסקנ, ווענ די דייטשישע, איטאַליענישע מיליטער-טיילנ און פראַנקאָס געדונגענע מערדער האָבנ פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גראַנדיעזנ אָנגריפ אינ ביסקייע, — ברעכט אויס אַנ אויפשטאַנד אינ קאַטאַלאָניע, אינ באַרצע-לאָנע. די דאָזיקע באַוועגונג האָבנ פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צוגע-

גרייט די „פּאָום" און די „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטן. איך פרעג: ביז וואַנען וועלן אין שפּאַניע עקזיסטירן „קאָנטראָללאָזע" עלעמענטן? דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַטאַלאָניע, איז דאָך ניט קיין קלייניקייט (נײַן שורעס האָט אויסגעמעקט די שפּאַנישע צענזור).

מיט וואָס פאַר א געווער זײַנען די דאָזיקע עלעמענטן אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט און קעגן דער רעפּובליק? מיט די ביקסן... (די צענזור האָט אויסגעשטראָכן צוויי שורעס), וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די דאָזיקע פאַרעטער, זיי זאָלן זיך שלאָגן אויפן פראָנט, און אָנשטאָט צו זײַן אויפן פראָנט, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן ווער ווייסט וווּ, וואַרטנדיק אַף א פּאַסיקער געלעגנהייט צו לאָזן דאָס געווער אין גאַנג קעגן דער רעפּובליק. מיר ווייסן ניט, וווּ זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס מוזן דאָס וויסן, פריער פאַר אַלץ די רעגירונג, נאָכדעם דער אינערן־מיניסטער... (נײַן שורעס האָט אויסגעמעקט די שפּאַנישע צענזור). (א שטורמישע אָוואַציע).

## מיר זײַנען ניט קיין סאָנים פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע

מיר ווילן — און מיר וועלן ניט מיד ווערן איבערחזרן דאָס, — מיר ווילן געווינען די מלחמה און געווינען די רעוואָלוציע, און צוליב דעם דאַרף מען האָבן אייניקייט אין אָרגאַניזירטקייט. זאָל קיינער ניט מיינען, אַז מיר, קאָמוניסטן, זײַנען פײַנט פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע. מיר ווילן אויפריכטיק אייניקייט און גוטע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט דער נאַציאָנאַלער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע. מיר ווילן אויך, אַז די נאַציאָנאַלע אַרבעט־קאָנפעדעראַציע און דער אַלגעמיינער אַרבעטער־פאַרבאַנד זאָלן קומען צו א פאַרשטענדיקונג, אָבער עס איז נייטיק קלאָרקייט, ווײַל מיר אין שפּאַניע ריזיקירן צופיל. איך זאָג אַז אין דער רעגירונג זײַנען פאַרטרעטן די פּאָליטישע פּאַרטייען, דערין אויך די נאַציאָנאַלע אַרבעט־קאָנפעדעראַציע. איך ווייס, אַז בײַם די דאָזיקע געשעענישן אין קאַטאַלאָניע האָבן די באַוויירים פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע, אַזוינע, ווי ב׳ וואַלקעס אאַ., אָפּגעגעבן זייער

א סאכ קויכעס צו ליקווידירנ דעמ קאטאלאָנישנ פּוטש, וואָס האָט אונדז אָנגעטאָנ אַזויפֿיל שאָדנ. מיר פֿאַרשטייענ און מיר שעצנ די דאָזיקע באַמיִונגענ, אָבער מע דאַרפֿ האָבנ מוט צו פֿאַרורטיילנ אַזוינע אַקטנ, ווי די אַרויסטרעטונג אינ קאַטאַלאָניע.

אויב אַלע פּאָליטישע פּאַרטייענ האָבנ פֿאַרשטייער אינ דער רעגירונג, האָט זיי אויכ די נאַציאָנאַלע אַרבעטס-קאָנפֿעדעראַציע. און אָט אינ איינעמ א שיינעמ טאָג קומט פֿאָר א באַוואָפֿנטע אַרויסטרעטונג אינ לעוואַנט, נאָכדעמ אינ קאַטאַלאָניע, און עס איז גאַנצ מעגלעכ, אַז אַזוינע אַרויסטרעטונגענ, וואָס קאָסטנ אונדז טייער קאָסטנ, וועלנ זיכ איבערכאַזערנ. איכ זאָג: אָדער די אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿנ זיכ אונטערוואַרפֿנ די פֿאָדערונגענ פֿונ דער מילכאָמע און דער רעוואָלוציע און דערשלאָגנ זיכ, אַז די רעגירונג פֿונעמ פֿאָלקס-פֿראָנט זאָל זיכ קאָנענ שטיצנ אַפֿ די מאַסנ אָדער, פֿאַרקערט, זיי דאַרפֿנ אָפּנעמענ די פֿולמאַכטנ בא זייערע פֿאַרשטייער אינ דער רעגירונג. אינ דעמ פֿאַל, ווענ עס וועלנ פֿאַרשטעלנ אינ דער רעגירונג די מיניסטאָרנ פֿונ דער נאַציאָנאַלער אַרבעטס-קאָנפֿעדעראַציע? דאָס אַלצ זאָגנ מיר, ווייל מע דאַרפֿ שאַפֿנ פֿולקומע קלאָרקייט: די סיטואַציע אינ שפּאַניע פֿאָדערט, אַז אַלע זאָלנ אָנווענדנ די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגענ און זאָלנ ברענגענ די מאַקסימאַלע קאָרבאָנעס.

## די פֿולקומע אַנטוואָפֿענונג פֿונ די פֿאַשיסטישע עלעמענטנ

בא דער איצטיקער סיטואַציע דאַרפֿ מענ האָבנ ווייניקער ווערטער און מער מייסימ. מיר ווילנ אַנ אַנטשיידענע רייניקונג, מיר ווילנ די פֿולקומע אַנטוואָפֿענונג פֿונ די אַלע, וואָס האַלטנ געווער נאָר צוליבנ קאַמפֿ קעגנ די אַנטיפֿאַשיסטנ, צוליבנ קאַמפֿ קעגנ דער רעפּובליק. בא אונדז צירקולירט איצט דאָס אַלעמענ באַוווּסטע ווערטל וועגנ דעמ קוש פֿונ יודע. אינ עפּעס אַנ אויפֿרופֿ רעדט עמעצער, איכ ווייס ניט ווער, וועגנ דעמ קוש פֿונ יודע. וואָס אָנבאַלאַנגט מיכ, מיינ איכ ניט, אַז וועלכע-עס-איז פּאַרטיי, וועלכער-עס-איז אָנגעזעענער טוער זאָל זיינ פֿייִק אַפֿ אַ קוש פֿונ יודע. פֿריִער פֿאַר אַלצ קאָנענ מיר אייכ פֿאַרזיכערנ, אַז אונדזער פּאַרטיי — און די מאַסנ קאָנענ זי גוט, — גיט ניט קיינ פֿאַרעטער-קוש. ווי נאָר ס׳איז אויסגעבראָכנ די מילכאָמע, האָט

אונדזער פארטיי אויפגעפאָדערט אלע אונדזערע מיטגלידער צו א נאָכאנאנדיקנ קאמפ אפנ פראָנט אונ אינ הינטערלאנד.

דער באפעל, דער פאראָל פונ אונדזער פארטיי: קיינ איינ קאָמוניסט האָט ניט קיינ רעכט צוריקצוציִענ זיכ, קאָלזמאנ עס גייט די מילכאָמע, קאָלזמאנ ס'איז נאָכ פאראנ א פיצל ערד, וואָס דארפ אויסגעקעמפט ווערנ צוריק באמ היימישנ אָדער באמ אויסלענדישנ פאשיזמ, וואָס האָט זיכ ארייַנגעריסנ אינ אונדזער טעריטאָריע. אלע קאָמוניסטנ, אָנגעהויבנ פונ די פירער אונ געענדיקט ביז דעמ סאמע באשיידענעמ פארטיי-מיטגליד, זיינענ גרייט אָפצוגעבנ זייער גאנצ בלוט ביזנ לעצטנ טראָפנ צו געווינענ די רעוואָליוציע אונ די מילכאָמע. מיר זיינענ זיכער, אז קיינער פונ אונדז וואקלט זיכ ניט, אז קיינעמ פונ אונדז וועט ניט קומענ אינ זינענ צוריקציִענ זיכ.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ פוטש אינ קאטאלאָניע פאָדערנ מיר: אָדער ווי מעגלעכ גיכער אנטוואָפנט די, וואָס האָבנ גענומענ אנ אָנטייל אינ דער דאָזיקער ארויסטרעטונג אונ באשטראָפט זיי ווי געהעריק, פארמישפעטנדיק די טראָצקיסטנ אונ די „קאָנטראָללאָזע“ עלעמענטנ צו דעמ וואָס זיי האָבנ פארדינט, אָדער... (די שפאנישע צענזור האָט אויסגעמעקט פינפ שורעס). (אנאָוואציע).

אָדער עס וועלנ אנטוואָפנט ווערנ די, וואָס האָבנ אָרגאניזירט דעמ פוטש, אונ עס וועלנ איבערגעגעבנ ווערנ צומ געריכט די אומפאראנטוואָרטלעכע טראָצקיסטנ, אָדער עס וועט זיכ איבערכאזערנ דער קוש פונ יודע מיט די פיינט פונ דער רעוואָליוציע.

מיר זעענ, אז טאָגטעגלעכ אנטדעקט מענ אמאָל דאָ, אמאָל דאָרטנ די אגענטנ פונ דער „פינפטער קאָלאָנע“. קאָנ דאָס דענ זיינ? ניט שוינ איז די „פינפטע קאָלאָנע“ אינ שפאניע אזוי גרויס, אז מע קאָנ ניט זענ איר עק (א געלעכטער). עס האנדלט זיכ ניט נאָר וועגנ דעמאסקירנ די „פינפטע קאָלאָנע“, עס האנדלט זיכ וועגנ פארניכטנ זי ענערגיליק. עס איז נייטיק, אז פאר אונדז זאָל נישט שטיינ יעדע שאָ די פראָבלעמ פונ דער „פינפטער קאָלאָנע“ אונ זי זאָל ניט וואגנ צו געבנ פונ הינטנ ארומ קלעפ דער רעפובליק אונ דער פאָלקס-ארמיי. ווי קאָנ מענ צו איר מאכנ א סאָפ? נאָר דורכ איינ מיטל—דורכ דער

פּאָליטיק פונ אומטאָלעראַנצ בענעגייע די דירעקטע אונ די אומדירעקטע אָנטיילנעמער פונ דער „פינפטער קאָלאָנע“. קעדיי צו מאכנ א סאָפ צו דער „פינפטער קאָלאָנע“, דארפ מענ האָבנ זייער א סאך ענערגיע אונ קיינ שומ וואקלונגענ. דאָס שפאנישע פאָלק פאָדערט אינ מעשעכ פונ די אלע צענ באראָשים מילכאָמע אנטשיידענע מייסים קעגנ דער „פינפטער קאָלאָנע“, אונ מיר זאָגנ: יאָ, דאָס פאָלק פאָדערט ענערגישע מייסים, עס וויל, אז עס זאָל געמאכט ווערנ א סאָפ צו די וואקלונגענ, אז עס זאָל געמאכט ווערנ א סאָפ צו דער „פינפטער קאָלאָנע“, — הייסט עס, מע דארפ צופרידנשטעלנ די גערעכטע פאָדערונגענ פונעמ פאָלק. אונ דער וואָס ווייזט ארויס שוואכקייט אונ צומאָל אויכ פאכדאָנעס, האָט ניט קיינ רעכט צו פארנעמענ א פאָסטנ, וואָס לייגט ארופ א כויוו צו מאכנ א סאָפ צו דער „פינפטער קאָלאָנע“. (א שטורמישע אָוואציע).

מיר ווילנ געווינענ די מילכאָמע אונ די רעוואָליוציע. מיר זאָגנ, — איכ מיינ, אז איבער די דאָזיקע ווערטער וועט מענ וועגנ אונדז ניט אויסטראכטנ, אז מיר ווילנ ניט מאכנ קיינ רעוואָליוציע, — מיר זאָגנ, אז דער, וואָס ברענגט ניט קיינ שומ נוצנ אפנ פראָנט אונ אינ הינטערלאנד, דער וואָס ארבעט ניט, יענער זאָל ניט עסנ. אראָפ די פאראזיטנ, וואָס פרעסנ אויפ דאָס ברויט פונ יענע, וואָס קעמפנ אפנ פראָנט אונ ארבעטנ אינ הינטערלאנד!

עטוואָס מער אימפעט אונ מער ענערגיע, אונ דעמלט וועט מענ קאָנענ גיכ לייזנ די אויפגאבנ, וואָס שטייענ פאר אונדז: צועערשט כאפנ די בראָדיאגעס אונ די פאשיסטנ אונ נאָכדעמ שיקנ זיי גראָבנ שוצגראָבנס אונ בויענ פאָרטיפיקאציעס צו פארטיידיקנ בעסער דאָס לעבנ פונ די קריגער (אויסרופנ: „גאנצ ריכטיק!“ אפלאָדיסמענטנ).

## אלע פראָנטנ דארפנ זיינ אונטערגעוואָרפנ דעמ צענטראַלנ גענעראַל־שטאב

האָבנדיק אָפגעריניקט דאָס הינטערלאנד פונ אלע פאָלקס־פיינט — פונ די פאשיסטנ, פונ די טראָצקיסטנ, פונ די „קאָנטראָללאָזע“ עלעמענטנ, פונ די אלע אויסוואורפנ פונ דער געזעלשאפט — דארפ מענ א טראכט טאָנ וועגנ די פראָנטנ, דארפ מענ דאָ שאפנ באדינגונגענ, וואָס זיכערנ דעמ זיג. געווינענ די מילכאָמע אונ געווינענ זי וואָס גיכער —

אָט דאָס איז אונדזער פליכט, אונדזער סאַמע ערשטער כיוו. דעריבער האָבנ מיר דאָס געפאָדערט און מיר פאָדערנ אקשאָנעסדיק אײַנשטעלנ אַנ אײַנהײַטלעכע קאָמאַנדע.

מע דאַרפ מאַכנ א סאָפ צו אַזאַ לאַגע, װענ דער אַראַגאָנישער פראָנט איז אױטאָנאָם, זײַנ מיליציע איז זעלבשטענדיק, ניט אונטערגעװאָרפנ דער שפּאַנישער רעגולערער אַרמײ. אַלע פראָנטנ — דער ביסקײַישער, דער אַראַגאָנישער, דער מאַדרידער — דאַרפנ זײַנ אונטערגעװאָרפנ דעם אײנהײַטלעכנ צענטראַלנ גענעראַל=שטאַב, װאָס מערקט אָנ און פירט אָנ מיט די אָפּעראַציעס אינ גאַנצנ לאַנד. די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאָ=דערונג איז פאַרשטענדלעך אַפילע באַ דער סאַמע אױבערפלעכלעכער באַקאַנטשאַפט מיט דעם, װאָס א מילכאָמע איז. אױב ס'איז ניטאָ קײנ קאָמאַנדע, װאָס זאָל קאָנענ אױסאַרבעטנ א פּלאַנ פונ קריגס=אָפּעראַ=ציעס, נעמענדיק אינ אַכט די לאַגע אינ צאָפנ, אינ דאָרעם און אינ אַראַגאָניע, קאָנ מענ ניט האָפנ אפ דערפאָלגרײַכע קריגס=אָפּעראַציעס.

## די רײניקונג פונ דער קאָמאַנדע און רעזערװנ

מיר האָבנ געפאָדערט און מיר פאָדערנ רײניקנ די אַרמײ, קעדײ אַראָפּצונעמענ פונ די קאָמאַנדע=פּאָסטנס די ניט זיכערע און פאַרעטערישע עלעמענטנ און אַרױסרוקנ סיסטעמאַטיש אפ העכערע און פאַראַנטװאָרטלעכע פּאָסטנס די אָנפירער, װאָס זײַנענ אַרױסגעקומענ פונעמ פאָלק און האָבנ באַװיזנ זײער אָפּערװיליקײַט, זײער העראָיזמ און זײער פײַיקײַט צו פאַרטײדיקנ די זאַכ פונ אַלע אַנטיפאַשיסטנ.

מיר האָבנ געפאָדערט און מיר פאָדערנ סיסטעמאַטיש שאַפנ און שולנ רעזערװנ צו פאַרבײַטנ די קריגער, װאָס געפינענ זיכ אױפנ פראָנט, צו פאַרלײַכטערנ זײער לאַגע, צו פאַרפעסטיקנ די קאַמפס=פראָנטנ... (אַכט שורעס האָט אױסגעמעקט די שפּאַנישע צענזור).

## קײנ „פּריװאַטע“ מיליטערישע אינדוסטריע טאָר ניט זײַנ!

מע דאַרפ אױכ, — די קאָמוניסטישע פּאַרטײ האָט שױנ א סאַכ מאָל געשטעלט די דאָזיקע פראַגע, — אױסברײטערנ די מיליטערישע אינדוס=טריע און דערשלאָגנ זיכ א מאַקסימאַלע פאַרגרעסערונג פונ דער פּראָ=

דוקציע. מע דאַרפ פאַרייניקנ די גאַנצע מיליטערישע אינדוסטריע פונ שפּאַניע אונטער איינ אָנפירונג. די גאַנצע מיליטערישע אינדוסטריע דאַרפ ווערנ איינ גרויסער זאַוואָד, וואָס באַדינט די באַדערפענישנ פונ די פראָנטנ. די מיליטערישע אַמוניציע אונ געווער דאַרפ גיינ אַהינצו, וווּהינ דער גענעראַלשטאַב וועט דאָס האַלטנ פאַר נייטיק צו שיקנ... (פופצנ שורעס האָט אויסגעמעקט די שפּאַנישע צענזור).

מיר ווילנ האָבנ אַ גוט אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַליזירטע מיליטערישע אינדוסטריע, וואָס זאָל קאָנענ באַפרידיקנ די באַדערפענישנ פונ דער מילכאָמע.

די אַלע פראַגנ האָט אונדזער פּאַרטיי געשטעלט אונ שטעלט פונ סאַמע אָנהייב מילכאָמע. אונ אויב אַ טייל פונ זיי איז שוינ געלייזט אינ דער פּראַקטיק, איז עס אַדאַנק ניט בלויז דער אַקשאָנעס, מיט וועלכער מיר האָבנ זיי געשטעלט, נאָר אויכ אַדאַנק אונדזער דירעקטנ אָנטייל־נעמענ אינ זייער לייזונג. דערמיט, וואָס מיר האָבנ אַזוי ענערגיש געפאָדערט דאָס, האָבנ מיר זיכ אָנגעלעבט אַ סאַכ פיינט, באַזונדערס צווישנ די, וואָס ווילנ ניט שטיצנ זיכ אַפ די שעפערישע פייִקייטנ אונ אַפ דעמ ווילנ פונעמ פאָלק, ווילנ ניט פירנ די מילכאָמע מיט דעמ שווונג, וואָס איז נייטיק פאַרנ ניצכוינ זיג, צווישנ די, וואָס אַקשענענ זיכ איינ אונ ווילנ פאַנאַנדערוויקלענ די מילכאָמע אַפנ באָדנ פונ אַ באַגרענעצטנ עמפּירישנ אונ „פערזענלעכנ" פּלאַנ.

איצט איז שוינ אונדזער מילכאָמע ניט בלויז אַנ אינערלעכער קאָנפליקט, איצט ווערט שוינ באַשלאָסנ ניט בלויז דער גורל פונ אונדזער לאַנד. אינ שפּאַניע ווערט באַשלאָסנ דער גורל פונ דער גאַנצער מענטשהייט. די אויסלענדישע האָרדעס, וואָס רויִנירנ אונדזער לאַנד, האָבנ זיכ אַריינגעריסנ ניט בלויז אַפ אונדזער טעריטאָריע: דאָס זיינענ די פינצטערע קויכעס פונ דער וועלט־רעאַקציע, וואָס קעמפנ פאַר פאַרוואַנדלענ שפּאַניע אינ אַ טראַמפּלינ, פונוואַנענ זיי וועלנ קאָנענ אַ וואָרפ טאָנ זיכ שטורעמענ אייראָפּע אונ אַרופוואַרפנ אַפ איר האַלדז די פעטליע פונעמ פאַשיזמ. דעריבער האָט פאַר אונדז אַזוי אַנטשיידנדיקע באַדייטונג די אינטערנאַציאָנאַלע הילפ, די עפעקטיווע סאָלידאַרישקייט פונ די פּראָגרעסיווע פעלקער, אונ וויבאַלד מיר האָבנ וועגנ דעמ אָנגעהויבנ ריידנ,

טארנ מיר זאָגנ, אַז דאָ ספעקולירנ אויכ אייניקע עלעמענטנ אפ דער דאָזיקער הילפ, זיי מאנעוורירנ, אויסנוצנדיק גאָר ניט קיינ שיינע אונ גאָר ניט קיינ איידעלע מיטלענ.

## פארוואָס וויל מענ איגנאָרירנ די הילפ פונ פכסר

געוויס, דאָס פראנצויזישע פאָלק העלפט אונ שטיצט אונדזער קאמפ. פונקט אזוי העלפט אונ שטיצט אונדזער זאכ דאָס ענגלישע פאָלק. אנ אנדער זאכ איז די רעגירונגענ פונ די דאָזיקע לענדער. זיי העלפנ גאָר ווייניק, אויב ניט זאָגנ, אַז זיי שטעלנ שטעקנס אינ די רעדער. זיי נעמענ ניט אינ אכט, וואָס עס באטייט פאר פראנקרייכ צי פאר ענגלאנד, אויב מיר וועלנ פארשפילנ די מילכאָמע. מיר האָבנ די אומייגנוציקע הילפ פונעמ מעקסיקאנישנ פאָלק אונ טיילווייז אויכ פונ דער מעקסיקאנישער רעגירונג. אָבער עס זיינענ פאראנ מענטשנ, וואָס זיינענ פארינטערעסירט ארויסצורוקנ מיט אלע אויפאנימ אונ איבערטרייבנ די דאָזיקע הילפ (פאר וועלכער מיר דאנקענ נאָכאמאָל פונ גאנצנ הארצנ) אינ ווילנ פארמינערנ די באדייטונג פונ דער גלענצנדיקער הילפ פונעמ סאָוועטישנ פאָלק. צי האָט איר באמערקט, אַז עס זיינענ פאראנ מענטשנ, וואָס זיינענ פארינטערעסירט צו מאנעוורירנ אינ דער דאָזיקער ריכטונג אויכ? איכ האָב געלייענט אינ דער סאָציאליסטישער צייטונג „ארעלאנטע” א נאָטיצ וועגנ דער בלאָקאדע, אונ דאָרטנ שטייט געשריבנ: „אונ וואָס טוענ איצט מיסטער אידענ, מ-סיע בליומ אונ דער כ׳ סטאלינ?” (אויסרופנ: „זאָל לעבנ דער כאווער סטאלינ!” שטורמישע אפלאָדיסמענטנ). די צייטונג רעדט ארויס אינ איינ אָטעמ די נעמענ פונ אידענ, בליומ אונ דעמ גרויסנ פירער פונעמ וועלט-פראָלעטאריאט כאווער סטאלינ.

איר פארשטייט די גאנצע בייזע קאוואָנע, וואָס שטעקט אינ אזא שטעלונג פונ דער פראגע, ווענ מע שטעלט אפ איינ ברעט סטאלינענ, דעמ פירער פונעמ גרויסנ סאָוועטישנ פאָלק, דעמ אומייגנוציקנ פריינט פונ די פעלקער פונ שפאניע, אונ די פאָרשטייער פונ דער אימפעריאליסטישער בורזשואזיע פונ ענגלאנד אונ פראנקרייכ? מיר נעמענ אינ אכט די גאנצע הילפ, וואָס ווערט געגעבנ דעמ שפאנישנ פאָלק, ווי קליינ זי זאָל ניט זיינ, אָבער ס׳איז אבסאָליוט ניט דערלאָזבאר צו

פארמינערנ די באדײטונג פונ דער הילפ פונעמ סאָװעטישנ פאָלק. דער, װאָס איגנאָרירט די הילפ פונ ראטנפארבאנד און װיל צוליב בײַ־זע קלאָװאָניעס פארמינערנ איר באדײטונג, זאָל ער גײנ אַז דעמ ערשטנ בעסטנ פראָנט און זאָל דאָרטנ א קוק טאָנ די פאבריק־מארקע אפ דער פוטער, װאָס אונדזערע קריגער עסנ (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). מע דארפ ערנסטער באציענ זיכ צו אזעלכע פראגנ. דאָס פאָלק װײסט, װאָס פאר א הילפ יעדע מעלוכע גיט. מיר זײנענ דאנקבאר אלעמענ. אָבער מע טאָר ניט פארבאָרגנ דעמ, װער עס העלפט מער פאר אלע־מענ, װעמעס הילפ איז ניט נאָר די הױפט־הילפ, נאָר אױכ די גרונט־הילפ. איכ װײס ניט װאָס עס װאָלט געװענ מיטנ שפאנישנ פאָלק אָנ דעמ פראָװיאנט, װאָס דער ראטנפארבאנד שיקט אונדז (א פ ל אָ־ד י ס מ ע נ ט נ).

## די פאָליטישע אײנהײט, די פראָפפארײנישע אײנהײט, די אײנהײט פונ דער יוגנט, די אײנהײט פונ גאנצנ שפאנישנ פאָלק צו געװינענ די מילכאָמע

אונדזער הױפט־אױפגאבע איז זיגנ. אײנע פונ די גרונט־באדינגונגענ פונ דעמ איז די אײנהײט פונעמ פראָלעטאריאט, פונ גאנצנ ארבעטער־קלאס אינ די ראמענ פונ אײנ אײנהײטלעכער גרױסער פאָליטישער פארטײ; די אײנהײט פונ די פראָפפארײנענ אינ די ראמענ פונ אײנ אײנהײטלעכער גרױסער צענטראלער פראָפפארײנישער פארײניקונג; די אײנהײט פונ אלע אנטיפאשיסטישע קױכעס אינ די ראמענ פונ פאָלקס־פראָנט; די אײנהײט פונ דער יוגנט, װאָס דארפ אױפבױענ א נײַע שפאניע; די אײנהײט פונ גאנצנ שפאנישנ פאָלק, קעדײ צו געװינענ די מילכאָמע.

מיר װילנ די פאָליטישע אײנהײט און די אײנהײט פונעמ פראָלע־טאריאט. די סאָציאליסטישע און די קאָמוניסטישע פארטײענ האלטנ אופ אײנע מיט דער אנדערער גוטע באציִונגענ און מאכנ ערנסטע שריט אינ דער דאָזיקער ריכטונג. זײ האָבנ זײערע פארבינדונגס־קאָמי־טעטנ, געשאפענע צו באהאנדלענ אלע אינערלעכע פראגנ און צו שטעלנ א סאכ פראָבלעמענ, װאָס זײנענ פארבונדנ מיט דער מילכאָמע און דער רעװאָלוציע, אָבער דאָס איז ניט גענוג. ס'איז ניטיק, אז די דאָזיקע

האַרציקע באַציִונגענ צווישנ די סאָציאַליסטנ אונ די קאָמוניסטנ זאָלנ זיכ פאַרפעסטיקנ ווי מעגלעכ גיכער, ווײַל דאָס פאָדערנ די אַרבעטנדיקע אונ דאָס פאָדערט די סיטואַציע אינ שפּאַניע גופע. מע דאַרפ שאַפנ אינ אײנהײטלעכע פאַרטײ פונעמ אַרבעטער-קלאַס; ס'איז נײטיק, אַז אַפנ באָדנ פונ דער אַלגעמײנער פּראָגראַמ זאָלנ די אַרבעטער קאָנענ בילדנ אײנ אײנהײטלעכע פאַרטײ, די גרויסע פאַרטײ פונ פּראָלעטאַריאַט (אַפּלאָדיסמענטנ). אונ צוליב דעמ דאַרפ מענ ניט וואַרטנ אַפנ סאָפ פונ דער מילכאָמע. דאָס וויל דער אַרבעטער-קלאַס. ער ווײסט, אַז די גיכסטע שאַפונג פונ אײנ אײנהײטלעכער פאַרטײ פונעמ פּראָלעטאַריאַט וועט דערנענטערנ דעמ מיליטערישנ ניצאָכנ, ווײַל אַזאַ אײנהײטלעכע פאַרטײ פונעמ אַרבעטער-קלאַס איז אַ פאָרבאַדינג צו זיכערנ אונ פאַרפעסטיקנ אַלע דעראָבערונגענ. מיר ווילנ, אַז אַלע סאָציאַליסטנ אונ אַלע קאָמוניסטנ אינ די פאַרבינדונגס-קאָמיטעטנ זאָלנ אַרבעטנ אינ דער דאָזיקער ריכטונג. מיר ווילנ, מע זאָל ענדלעכ פאַרשטײנ, אַז דאָס איז אַקטועל נײטיק, ווײַל דאָס וועט העלפנ צו געווינענ זיכער די מילכאָמע. פונקט אַזוי ווילנ מיר, אַז עס זאָל דערגרײכט ווערנ אַ פאַרשטענדיקונג צווישנ דער נאַציאָנאַלער אַרבעט-קאָנפעדעראַציע אונ דעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער-פאַרבאַנד. מיר ווילנ, זײ זאָלנ אויכ שאַפנ זײערע פאַרבינדונגס-קאָמיטעטנ. מיר ווילנ בעסער פאַר אַלצ, וואָס גיכער זיכערנ די מעגלעכקײט פונ אַ פאַרשטענדיקונג צווישנ דעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער-פאַרבאַנד אונ דער נאַציאָנאַלער אַרבעט-קאָנפעדעראַציע, קעדײ עס זאָלנ געשאַפנ ווערנ די נײטיקע באַדינגונגענ פאַר אײנ אײנהײטלעכער פּראָפאַרײניקונג. דאָס וועט מענ קאָנענ דערגרײכנ, דורכפירנדיק אַ רײניקונג צווישנ דער מיטגלידערשאַפט. איכ מײנ דעריקער די נאַציאָנאַלע אַרבעט-קאָנפעדעראַציע, ווײַל אינ איר זײנענ אַרײַנגעדרונגענ סאָנימ פונ דער רעוואָלוציע. איכ בינ זיכער, אַז די פאַרבעסערונג פונ די קעגנזײַטיקע באַציִונגענ צווישנ דעמ אַלגעמײנעמ אַרבעטער-פאַרבאַנד אונ דער נאַציאָנאַלער אַרבעט-קאָנפעדעראַציע וועט ברענגענ אַ סאַכ נוצנ די אַרבעטנדיקע. אונ צוליב דעמ דאַרפנ מיר האָבנ די פּאָליטישע אונ די פּראָפאַרײנישע אײנהײט פונ די אַרבעטנדיקע.

דאָס וועט ניט שאַטנ דעמ פאָלקס-פראָנט, עס האַנדלט זיכ ניט וועגנ ליקווידירנ אונדזערע פאַרבינדעטע, נאָר פאַרקערט. די גאַראַנטיע פונ דער מאַכט פונעמ פּראָלעטאַריאַט איז די גאַראַנטיע פונ דער רע-

וואָליוציע. מיר זאָגנ, אז איינ איינהייטלעכע פארטיי אונ איינע איינהייטלעכע פראָפפאראיינ וועלנ ניט נאָר ניט אָפּשוואכנ דעם פאָלקספראָנט, — זיי וועלנ נאָכ איים פארפעסטיקנ. מיר ווילנ אזוי ארום דערגרייכנ די איינהייט פונעם גאנצנ אנטיפאשיסטישנ פאָלק, פונעם גאנצנ שפּאנישנ פאָלק; מיר ווילנ פארשטארקנ דעם קאמפ קעגנ דעם היטלערישנ פאשיזמ אונ פארטרייבנ פונ אונדזער טעריטאָריע די פרעמדלענדישע פאשיסטנ, וואָס האָבנ זיכ ארייגעריסנ צו אונדז. מיר ווילנ די איינהייט פונ אלע שפּאניער, כדי צו געווינענ די מילכאָמע אונ אינ רעזולטאט פונ דעם ניצאָכנ אויפבויענ א פרייע, א בליענדיקע אונ א גליקלעכע שפּאניע (אָוואציע).

נאָכ עטלעכע ווערטער צו די, וואָס זאָגנ, אז אונדזער פארטיי פארנעמט זיכ נאָר מיט ווערבירונג אונ פרווט ארייננציענ אינ אירע רייענ ארבעטער, פויערימ אונ אינטעליגענטנ. דער ארבעטער-קלאס אינ שפּאניע שטייט אפ א גאנצ הויכנ ניוואָ. ס'איז נאריש צו באהויפטנ, אז אונדזער קאָמוניסטישע פארטיי וואקסט נאָר דאנק איר ווערבירונג-ארבעט. מיר ארבעטנ, אונ מיר ארבעטנ גוט צו זיכערנ דעם זיג. אונ דעריבער גייענ די מאסנ אינ אונדזער פארטיי.

## די אטאקעס אפ אונדזער פארטיי ווערנ געפירט מיט דער האנט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע

די לעצטע צייט זיינענ געוואָרנ שטארקער די אטאקעס אפ אונדזער פארטיי אונ אפ איר זיכערער פּאָליטישער ליניע, אפ דער ליניע פונ איינהייט. מע דארפ קוקנ מיט בייזע אויגנ אפ אזוינע קאמפּאניעס! די געשיכטע פונ דער גאנצער אינטערנאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג ווייזט, אז הינטער אזוינע ווייסטע אטאקעס אפ דער קאָמוניסטישער פארטיי שטעקט שטענדיק די האנט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. אינ יאָר 1917 זיינענ די אטאקעס אפ דער באָלשעוויסטישער פארטיי אינ רוסלאנד געווענ א פּרעליודיע צו קאָרנילאָווס מעלוכע-איבערקערעניש, וואָס די רעוואָליוציע האָט דערשטיקט. אינ דייטשלאנד האָבנ די אטאקעס אפ דער קאָמוניסטישער פארטיי אָפּגערוימט היטלערנ דעם וועג צו דער מאכט. אינ כינע זיינענ די אטאקעס אפ דער קאָמוניסטישער פארטיי געווענ אָנזאגער פונ טשאנ קיי-שיס און דעם גאָמינדאנס

ארויבערגאנג אינ לאגער פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. אינ מעקסיקע איז דאָס זעלבע פאָרגעקומענ מיט קאליעס. אינ שפאניע שטעקט אויכ הינ-טער די סיסטעמאטישע אטאקעס אפנ פאָלקס-פראָנט די קאָנטררעוואָ-ליוציע אינ געשטאלט פונ די טראָצקיסטנ אונ די איבעריקע אגענטנ פונעם פאשיזמ, וואָס מאסקירנ זיכ מיט רעוואָליוציאָנער פראזע. אָבער די שווארצע פלענער פונ דער קאָנטררעוואָליוציע זיינענ דעמאס-קירט געוואָרנ, ס'איז אנטפלעקט געוואָרנ דער עמעסער פארצעפ פונ די דאָזיקע פאשיסטישע געדונגענע מערדער, אונ מיר וועלנ זיי קאָנענ פארטרייבנ רעכטצייטיק אונ אָנ ראכמאָנעס.

ביי אזא שווערער סיטואציע פאר שפאניע ווילנ די טראָצקיסטנ אונ די קעגנער פונ דער איינהייט אונ דעמ ניצאָכנ פונעמ שפאנישנ פאָלק געבנ א שלאכט דער קאָמוניסטישער פארטיי. איר האָט שוינ געזענ, אז אינ דעמ מאָמענט פונ דער אטאקע אפ דער קאָמוניסטישער פארטיי ברעכט אויס אינ קאטאלאָניע א פוטש קעגנ דער רעפובליק אונ דער רעגירונג פונעמ פאָלקס-פראָנט, אונ די אָרגאניזאטאָרנ פונעמ פוטש ווילנ אונדז אזוי ארומ צווינגענ פארשפילנ די מילכאָמע.

ארבעטער פונ אלע ריכטונגענ! איצט איז מער איידער ווענ-עס-איז פריער נייטיק די איינהייט פונ די ארבעטער, די איינהייט פונ אלע אנ-טיפאשיסטנ, די איינהייט פונעמ גאנצנ שפאנישנ פאָלק. יעדנ, וואָס סא-באָטירט די דאָזיקע איינהייט, ווי ער מעג הייסנ — סאָציאליסט, אנאר-כיסט אא"ג., — דארפ מענ באטראכטנ אלס א פיינט פונ פאָלק, אלס א פיינט פונ אונדזער זאכ. זייט אפ דער וואכ, וויל הינטער די אלע, וואָס קעמפנ אינ איצטיקנ שווערנ מאָמענט קעגנ דער קאָמוניסטישער פארטיי — דעמ אָרגאניזאטאָר פונעמ פאָלקס-פראָנט אונ דעמ איני-ציאטאָר פונ דער איינהייט פונ אלע ארבעטנדיקע, שטעקט די האנט פונ דער קאָנטררעוואָליוציע. מיר טרעטנ ארויס אפ דעמ דאָזיקנ פאָלקס-מיטינג, קעדיי צו זאָגנ די ארבעטער פונ וואלענסיע אונ אויכ די אר-בעטער אונ אנטיפאשיסטנ פונ גאנצ שפאניע, אז מע קאָנ ניט קעמפנ קעגנ דער קאָמוניסטישער פארטיי דערפאר, וואָס זי איז פאראנענ, דערפאר וואָס זי ווענדט אָנ אלע קויכעס צו געווינענ די מילכאָמע, פאר איר ריכטיקייט, פאר איר ריכטיקער פאָליטישער ליניע. מיט די אלע פארטייענ, וואָס האנדלענ געוויסנהאפטיק, זיינענ מיר גרייט צו יעדער צייט ברידערלעכ ארומרעדנ אלע פראָבלעמענ פונ דער מילכאָ-

מע און פונ דער רעוואָלוציע; די, ווידער, וואָס פרווונ מיט ניט דער־לאָזבארע מעטאָדנ קעמפנ קעגנ דער קאָמוניסטישער פארטיי, זאָלנ וויסנ, אַז זיי קעמפנ קעגנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע, קעגנ די אינטערעסנ פונעמ פאָלק, אָבער זאָלנ זיי אויכ וויסנ, אַז זיי וועלנ זיכ צעברעכנ די ציינ, ניט נאָר אָנ דער פארטיי, נאָר אויכ אָנ די ברייטע מאסנ פונ שפאנישנ פאָלק. מיר וויסנ דאָס אויסגעצייכנט, ווײַל מיר וויסנ ווי עס דענקענ די ארבעטער אפנ פראָנט און ווי עס דענקט די קאָלאָסאלע מערהייט אנטיפאַשיסטישע ארבעטער אינ הינטערלאַנד. דעריבער — אנ איינהייט־פראָנט, א פאָלקס־פראָנט, באַרשטיינ דעמ מאָמענט, וואָס מיר לעבנ איבער. די אלע, וואָס האָבנ שלעכטע קאַוואָנעס, וועלנ באַקומענ א ווידערשטאַנד, און איכ בינ זיכער, אַז זיי וועלנ צעשלאָגנ ווערנ.

פראָלעטאריאט פונ וואלענסיע, פראָלעטאריאט פונ שפאניע, פאָרויס! דאָס לעצטע וואָרט וועט איר האָבנ. איכ פרעג די אלע, וואָס הערנ מיכ איצט אינ דעמ ראַדיאָ זאַל און אויסער זײַנע ווענט: זײַט איר אײַנ־שטימיק מיט דער פאָליטיק פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי פונ שפא־ניע? (די בײַוווינענדיקע ענטפערנ מיט א הילכיקנ „יאָ“). אלזאָ, שליסט זשע פעסטער די רייענ פונ אײַער פארטיי און צוזאמענ מיט די אנטיפאַשיסטנ, מיטנ גאנצנ שפאנישנ פאָלק לאָמיר גיינ אפ דעמ וועג, וואָס וועט אונדז ברענגענ צומ ניצאָכנ! (די מאסנ אפלאָ־דירנ שטייענדיק כאָזע דיאַסנ. א לאַנגדויערנדיקע אָוואַציע ווערט באַגלייט מיט הילכיקע אויסגעשרייענ: „זאָל לעבנ די קאָמוניסטישע פארטיי!“, „זאָל לעבנ איר באליב־טער פירער!“, „זאָל לעבנ דער פאָלקס־פראָנט!“).

„פרענטע ראָכאָ“ פונ 10 מײַ 1937.

# אינהאלט

זייט


**דער פירער פון דער שפאנישער קאָמפּאַרטיי** . . . . . . . . . . 3

**פאר דער אָרגאניזירונג פון דעם ניצחון!**

פאָרטראָג פון דעם גענעראל-סעקרעטאר פון צק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון שפאניע אפן פארברייטערטן פּלענום פונעם צק 5 מארט 1937 . . . 9

**די פארטיי אין אָנגעזיכט פון דער מילחמה און דער רעוואָליוציע**

א רעדע אפ א מיטינג אין וואלענסיע דעם 9 מיי 1937 י. אין צוזאמענהאנג מיט די געשעענישן אין קאטאלאָניע . . . . . . . . . . . . . . . 77



Редактор перевода—Н. Реминик. Техредактор—М. Погостер. Корректор—Л. Кенигсберг Сдано в набор 11|VIII-37 г. Подписано к печ. 11|X-37 г. Ф. б. 84×108 1|32 6 1|2 п. л. Уполном. Главлита РСФСР Б—24453. „Эмес“ № 95. Тираж 3000.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 683.